די אייגנטימערין פון די קאטאקאמבן, די מאדאם רוזשע, איז געקומען אויסגעפוצט אין עסיק און האניק פארווארפן מיט א ווייסן שאל מיט א שפיץ וועלכער איז אראפגעהאנגען פון דער פלייצע.

די קאטאקאמבן זענען געווען דער נערוו־צענטער פון דער ווארשעווער יידישער ארעמקייט, וועלכע האט צוגעגעבן קאלאריט דער יידישער ווארשע.

מיטן פארשווינדן פון ברויזנדיקן לעבן אין דער יידישער ווארשע, איז אויך פארשוואונדן דאס ברויזנדע לעבן פון די קאטאקאמבן־איינוווינער, וועלכע האבן געזוכט אלע מיטלען צו דערהאלטן זיך ביים לעבן...

נ. אַרטענשטיין

# די קאַטאַקאָמבן אויף גענשע גאַס

## (אַ בילדל פון דער אַמאָליקער וואַרשע)

ניש פיל וואַרשעווער האָבן געוווּסט אָדער געהערט פון די קאַטאַקאָמבן אויף גענשע גאַס.

די גענשע גאַס איז געווען באַקאַנט ניש נאָר אין וואַרשע, נאָר אין גאַנץ פּוילן. דאָס איז געווען די הויפּט־צושטעלערין פון אַלערליי שטאָפן אויף אַנטועכטץ, וועש, איבערצוג און אַנד. שטאָפן. סוחרים פון גאַנץ פּוילן פלעגן קומען קויפן די מאַטעריאַלן פאַר פאַבריקן, געשעפטן, ווי אויך פּריוואַטע. שוין אָפּגערעדט פון גענשער בית־עולם ווו אַלע לוויות פלעגן אַדורכגיין די גענשע גאַס.

אויף גענשע גאַס האָט זיך געפונען דער לאָקאַל פון די רעכטע פּועלי־ציון מיט אירע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס. אַנטקעגן איבער איז געווען דער לערער סעמינאַר, וועלכער האָט באַזאָרגט יידישע לערערס פאַר אַלע יידישע שולן. ראָג גענשע און זאַמענהאָף אויפן ערשטן שטאָק האָט זיך געפונען אַ גרויסער דיגער וועלכער האָט געדינט פאַר אַ טרעפונג־פּונקט פאַר דער יידישער יוגנט. אויך איז דאָרט געווען די מיליטערישע תפיסה און ריזיקע מיליטערישע סקלאַדעס מיט אַנטועכטץ, וועש און שיך, פאַר טויזנטער זעלנער אין פאַל פון אַ קריג. אַנטקעגן די סקלאַדעס איז געווען דער וואַרשעווער „טאַז" (געז. צו פאַרהיטן דאָס געזונט פון דער ייד. באַפעלקערונג).

די קאַטאַקאָמבן האָבן זיך געפונען ניש ווייט פון גענשער בית־עולם.

די קאַטאַקאָמבן זענען באַשטאַנען פון אַ לאַנגן הויף פון צוויי שטאָק מיט פּאַציאַטעס און קעלערן, קליינע פענצטערלעך מיט גראַטן אַזוי ווי אַ תפיסה. אַט די פענצטערלעך האָבן געהערט צו די שטיבלעך אין די קעלערן. דאָרט האָבן געוווינט אַ 50־60 משפחות, ניש אַלע שטובן האָבן געהאַט וואַסער. שוין אָפּגערעדט פון אַ קלאָזעט. פונוואַנען עס נעמט זיך דער נאָמען קאַטאַקאָמבן איז געווען שווער צו וויסן. עס קען זיין צוליב די איינצלנע פינצטערע שטיבלעך, אַזוי ווי אין היילן.

די קאַטאַקאָמבן האָבן געהערט צו אַ פרוי, וועלכע מען האָט גערופן מאַדאַם רושע. דערציילט האָט מען, אַז מיט יאָרן פריער האָט מען זי גערופן רייזל די רייפערקע. זי פלעגט ברענגען מיידלעך פון פּראָווינצער שטעטלעך און פאַרדינגען זיי צו רייכע באַלעבאָסטעס אַלס דינסטן. געהאַט האָט רייזל אַ שותף וועלכן מען האָט גערופן יוזשעק דער פריזירער. ער איז שטענדיק אַרומגעגאַנגען אויסגעפּוצט ווי אַ פּראַנט, מיט שוואַרצע גנבישע אייגעלעך. געענדיקט האָט זיך עס דערמיט, אַז איינע פון די מיידלעך האָט זיך „שטערבלעך" פאַרליבט אין יוזשעקן און זי איז אָנגעקומען קיין אַרגענטינע אין אַ „הייזל"...

אין די קאַטאַקאָמבן האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אַלע שיכטן און טיפן פון דער עקסטרעמער וואַרשעווער אָרעמקייט.

באַלד אין דער פרי פלעגן זיך אַרויסלאָזן איבער די וואַרשעווער גאַסן די איינוווינער פון די קאַטאַקאָמבן צו פאַרדינען אויפן לעבן. די איינוווינער זענען באַשטאַנען

---

אַ בייזקייט, ווי איך וואָלט איר צוגענומען איר באָבעס ירושה און אַ געשריי געטאָן:

— יעזוס מאַריאַ, מאַטקאַ באָסקאַ! ס'איז דאָך אַ יידישע פירמע!

די פּאָלקע האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר און אַנטלאָפן.

---

**1939:** — איך האָב שפּאַצירט מיט אַ מיידל אין קראָקע, אויף די פּלאַנטן, ניש ווייט פון יאַגעלאָנישן אוניווערסיטעט. ס'איז געווען ענדע אַפּריל און די קאַשטאַנען האָבן שוין געבליט. ס'איז געווען אָוונט־צייט, אַ ביסל פינצטער און איך בין געווען ראָמאַנטיש געשטימט. פּלוצלינג זענען אַרויסגעלאָפן פון אוניווערסיטעט אַ גרופּע ענדעקישע סטודענטן. איינער פון זיי איז צוגעלאָפן צו מיר און מיט אַן עלעקטריש לעמפּל אַ לייכט געטאָן מיר אין פּנים אַריין און אויסגעשריגן — „זשידזי" — איז גלייך די גרופּע סטודענטן צוגעשפּרונגען צו מיר און קלעפּ האָבן זיך געשאָטן פון אַלע זייטן.

ווען איך בין, שוין אַ צעבלוטיקטער, געלעגן אויף דער ערד, זענען זיי זיך צעלאָפן. דאָס מיידל האָבן זיי ניש געטשעפּעט, ווייל עס איז באַקאַנט, אַז די פּאָליאַקן זענען ריטעריש, כלומרשטע אַדל־לייט.

---

**1958:** — ווען איך האָב זיך רעפּאַטריאירט פון רוסלאַנד קיין פּוילן, האָב איך באַזוכט מיין געבורט־שטאָט קראָקע, וואָס איז געווען כמעט יידנריין. איך האָב צופעליק באַגעגנט אין טראַמוויי אַ פּאָלאַק מיט וועלכן איך האָב געאַרבעט אין אַ ביוראָ פאַר דער מלחמה.

ער האָט מיך דערקענט און גלייך געפרעגט:

— וואָס, דו לעבסט נאָך? די דייטשן האָבן דיך ניש דערהרגעט? קום צו מיר צו גאַסט, איך וווין אין אַ „פּאַזשידאָווסקי" (נאָך אַ ייד) זייער עלעגאַנטן אַפּאַרטמענט.

ווען ער האָט מיר געגעבן זיין אַדרעס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער וווינט אין דער וווינונג פון מיין ברודער, וועלכער איז אומגעקומען מיט זיין פאַמיליע.

איך האָב דאַן באַשלאָסן, אַז היינט נאָך פאָר איך אַוועק פון דער פּוילישער ערד, וואָס איז דורכגעזאַפּט מיט יידיש בלוט.

דאָס זענען נאָר עטלעכע בלימעלעך פון דעם בוקעט, וואָס הייסט פּוילישער אַנטיסעמיטיזם.

ל. אלשינא

# בלומען פון פוילישן אַנטיסעמיטיזם

עס זענען פאַראַן פאַרשידענע אַנטיסעמיטיזמען: געווינטלעכע, ווען דער אַנטיסעמיט ווייס נישט פאַר וואָס ער איז אַן אַנטיסעמיט. איך וועל אים אָנרופן אַן אינסטינקטיווער אַנטיסעמיט. עס זענען אויך פאַראַן אויסדרוקן פון אַנטיסעמיטיזם: זאָאָלאָגישער, עקאָנאָמישער, אינטעלעקטועלער, ביאָלאָגישער, בעסטיאַלישער.

דער פוילישער אַנטיסעמיטיזם האָט געהאַט אַלע אייגנשאַפטן פון אַלע איבנדערמאָנטע אַנטיסעמיטיזמען.

דאָ וויל איך ברענגען עטלעכע בלימעלעך פון דעם בוקעט, וואָס הייסט פוילישער אַנטיסעמיטיזם:

**1930**: ווען איך בין געווען אַ סטודענט פלעג איך געבן לעקציעס אַ פּאָלאַק, אַ שילער פון מיין קלאַס אין דער שול. ער איז געווען שוואַך אין פויליש און מאַטעמאַטיק. זיינע עלטערן האָבן מיך גוט געקענט און גוט באַהאַנדלט. איך האָב נישט געפילט, אַז זיי זאָלן נישט זיין פריינטלעך צו יידן בכלל. ווען זיי וואָלטן געווען אַנטיסעמיטיש געשטימט, וואָלטן זיי דאָך זיכער נישט גענומען קיין ייד צו געבן לעקציעס זייער זון סטאַשעק.

פון צייט צו צייט האָב איך געהערט ווי די מוטער סטראַשעט סטאַשעקס קליין ברידערל וואַצעק: אויב וועסט זיין „ניעגזשעטשני״ (אַ צעלאָזענער), וועל איך באַלד רופן צו דיר אַ ייד, וועלכער וועט נעמען פון דיר בלוט אויף מצות „נאַ פּאַסכאַ״... האָב איך איינמאָל געזאָגט צו דער מוטער:

— פּראַשע פּאַני, מיר ווינען אין שכנות מיט אַ פּוילישער פרוי, וועלכע סטראַשעט איר „ניעגזשעטשני״ יינגל קאַזשיק: וועסט זיך נישט אויפפירן ווי עס געהערט צו זיין וועל איך רופן אַ פּאָליציאַנט!

זאָגט צו מיר די מוטער פון סטאַשעקן:

— סטראַשען די קינדער מיט אַ פּאָליציאַנט איז גוט, אָבער מיט אַ ייד איז בעסער...

---

**1934**: אין דעם יאָר איז אַ נאַצישער אויסערן־מיניסטער, טרעוויראַניוס, אַרויסגעטראָטן אין דייטשישן רייכסטאַג מיט דער פאָדערונג, אַז פּוילן זאָל צוריקגעבן דייטשלאַנד פּאָמערן, האָבן די פּאָלאַקן דאַן אויפגעהויבן אַ גוואַלד און פּראָטעסטירט:

— וואָס הייסט געבן די דייטשן פּאָמערן, אַזאַ נידערטרעכטיקייט פון די דייטשן! פּאָמערן איז פויליש און וועט זיין פויליש, אַזאַ חוצפה!

אין קראָקע, וווּ איך האָב געוווינט, האָבן די פּאָלאַקן אָרגאַניזירט אַ פּראָטעסט־מיטינג ביים מאָנומענט פון דעם באַוווּסטן פּאָעט אַדאַם מיצקיעוויטש. אַלס לאָיאַלער פּוילישער בירגער האָב איך אָנטייל גענומען אין דעם פּראָטעסט־מיטינג. פּעך און שוועבל האָט זיך געשאָטן פון די מיילער פון די פּוילישע אָראַטאָרן קעגן די דייטשע פאָדערונגען. איך האָב דערוואַרט, אַז דאָ וועט זיך אָנהייבן די ריכטיקע חתונה: מ׳וועט האַקן שויבן אין די דייטשע געשעפטן און מ׳וועט שרייען: שלאָג דעם דייטש! טויט די דייטשן! ווער מיר דייטש? וואָס מיר דייטשן? — איך האָב געהערט גאָר ווילדע געשרייען פון די פּאָלאַקן:

„בי זשידוו! שמיערטש זשידאָם!״ (שלאָגט די יידן, טויט די יידן)...

---

**1937**: איך האָב געאַרבעט אין אַ ביוראָ פון אַ יידישער פירמע, ווו ס׳האָבן געאַרבעט פּאָלאַקן און יידן, מער פּאָלאַקן. איינמאָל איז אַריינגעקומען אַ פּוילישע מאַדאַם אין דער ביוראָ, בין איך צו איר צוגעגאַנגען און זי געפרעגט אין אַ שיינעם פויליש:

— טשעגאָ פּאַני סאָביע זשיטשי? (מיט וואָס קען איך דינען?) — האָט די מאַדאַם אויף מיר אַ קוק געטאָן מיט

---

טינסקי ליב יידן, אין די קורצע פאַרצייכענונגען וועגן ווייסרוסישן שטעטל אוזדע האָט ער אַריינגעלייגט אַזוי פיל צאַרטקייט, וואַרעמע סימפּאַטיע, געפיל אַ סך מער — ווי עס איז דערלויבט, ווערדליק דער „אינערלעכער צענזור״, ס׳זאָל חלילה נישט נעמען שמעקן מיט „נאַציאָנאַליזם״. אַפילו די היימישע „מאַטשאַנקע״ האָט דאָ באַקומען אַ תיקון, ווייל דאָס איז אַ טייל פון ווייסרוסישן לעבנס־שטייגער.

מאַלטינסקיס לעבנס־וועג דורך די לאַבירינטן פון די סאָוויעטישע פּאָליטישע אוןווירטשאַפטלעכע זיג־זאַגן איז דער טראָפּן, אין וועלכן עס שפּיגלט זיך אָפּ דער ים.

דער דאָזיקער גאַנג איז כאַראַקטעריסטיש דווקא דערפאַר, וואָס ווי אַ בירגער, האָט ער נישט פאַרנומען קיין אויבנאַן, טראָגן זיין פּאַרטיי־בילעט, און ווי אַ דיכטער איז ער געווען איינער פון די טויזנטער מיטגלידער פון אַל־פאַרבאַנדישן שרייבער־פאַריין, מיט דער לעגיטימאַציע — אונטערגעשריבן פון מאַקסים גאָרקי.

מיר באַקומען אַ קלאָר בילד ווי ס׳זענען צערונען געוואָרן די יידישע טרוימען און די יידישע האָפענונגען טראָץ דעם האָפערדיקן, צוזאָגנדיקן אָנהויב פאַר דער גלייכבארעכטיקונג פון דער יידישער שפּראַך און קולטור.

צוויי־הונדערט־טויזנט יידישע זעלנער און אָפיצירן זענען געפאַלן אין קאַמף קעגן נאַציזם, און די אָנערקענונג: פאַרשטאַרקטער אַנטיסעמיטיזם.

עס איז אַן אויפריכטיק בוך, געשריבן מיט אַ פּאַרוויי־טאָגט האַרץ. די נאַטירלעכקייט פון דערציילן ציט אַריין דעם לייענער און באַווירקט אים. די פּשוטע יידישע פרויען און מענער ווערן אונדז היימיש, נאָענט, און מיר טרויערן צוזאַמען מיטן מחבר און פרייען זיך — ווען ער, צוזאַמען מיט זיין משפחה האָבן זיך ענדלעך דערשלאָגן צו היימישע ברעגן.

וויסטישן זשאַרגאָן — מ.א.) און אַנטוישטע, צעבראָכענע זענען זיי אַריינגעקומען קיין מערבֿ?

מען דאַרף באַמערקן: זיי האָבן געהאַט מער מזל פון סלאָנסקין...

אפשר דאַרף מען זוכן די דערקלערונג פון אסתרס איבערלויפן צום באָלשעוויזם (די באַרימטע עפּאָפּיי פון קאָמבונד) אין די ווערטער פון אינטערנאַציאָנאַל:

„דער וואָס איז געווען גאָרניט — דער איז געוואָרן אַלץ".

*

ליטעראַריש איז דער ראָמאַן געשריבן פליסיק און מיט טאַלאַנט. לילי בערגער פלעכט אַריין אַ סך אינטע־רעסאַנטע און אפילו פּיקאַנטע פרטים, וואָס וואַרפן אַ ליכט אויפן רעזשים פון יענע יאָרן.

קומט לילי בערגערן אַנערקענונג פאַרן פיינעם ליטע־ראַרישן אויפטו. הגם לילי בערגער — אַלס אסתר פרומקין באַנוצט אויסדרוקן, וואָס אַ מינסקער וואָלט זיי קיינמאָל נישט גענוצט, ווי למשל דאָס וואָרט: געביפט, וועלכן זי חזרט עטלעכע מאָל איבער.

דאָס בוך קאָאָרדינירט און גיט אַ בעלעטריסטישן תיקון איינער, וואָס האָט געצונדן דעם פלאַם פון רעוואָ־לוציע און איז דורך אים פאַרברענט געוואָרן.

---

# אַט גייט אַ מענטש...

חיים מאַלטינסקי: „אין זיבן זונען",
פאַרלאַג „גראַנגל", תל־אביב 1983,
300 ז"ז (פּראָזע).

האָפנטלעך וועט אַלעקסאַנדער גראַנאַך מיר מוחל זיין פאַר נוצן דעם נאָמען פון זיין בוך זכרונות, אין פאַרבינ־דונג מיט מאַלטינסקיס זכרונות בוך.

באמת — דאָס אָנגעשטרענגטע איינגעשפּאַרטקייט פון מלחמה־אינוואַליד דווקא צו גיין — מיט איין פּראָטעז און מיטן צווייטן דורכגעשאָסענעם פוס — אָנגעשפּאַרט אויף אַ קוליע און מיט אַ שטעקן — אַט די דאָזיקע עקשנות האָט מאַלטינסקין געהאָלפן אויסהאַלטן אין אַלע זיינע לעבנס־זאַוויערוכעס, און מוז אַרויסרופן באַוווּנדערונג און ווי פון זיך אַליין טוט זיך אַ זאָג מיט אָנערקענונג: אַט גייט אַ מענטש!

אָנגערעקט צו לייענען דאָס בוך האָט מיר דווקא דער נאָמען: „אין זיבן זונען". עפּעס האָט זיך אין מיין פאַר־שטעלונג די צוויי באַגריפן: מאַלטינסקי אין זיבן זונען — נישט געפּאַסט.

אין די עטלעכע ביכער וואָס מיר איז אויסגעקומען צו לייענען, האָט געגליווערט דער פראָסט; געפּרעסן דער נשמה האָט דער אומעט; דער פּאַרדרוס אויף דער אומ־יושרקייט — כאָטש דאָס גאַנצע לעבן איז פאַרטאָכלעוועט געוואָרן אין קאַמף פאַר יושר, אַ יושר וואָס איז אים גאַ־ראַנטירט געוואָרן לויט דער קאָנסטיטוציע צו זיין אַ ידי־שער דיכטער און שרייבן ידישע לידער. די שנאה פון דער סביבה צו אַ ידישן דיכטער וואָס האָט די חוצפה צו פאַרלאַנגען רעכט אויף אַ ידיש ליד. אַט די דאָזיקע אַטמאָספער האָט זיך ווי אַ שטורעם געטראָגן אין מאַלטינסקיס לידער.

דאָס בוך איז אפילו פאַרזען מיט אַ צייכענונג פון קינסטלער מולה בן־חיים, וואָס רופט אַרויס אַסאָציאַציעס מיט דער זון־בלום, וואָס מ׳רופט אין רוסיש „פּאָדסאָל־נאָטשניק", וווּ עס וואַקסן די שוואַרצע סיעמאָטשקעס... פרעגט זיך: ווען האָט פאַר מאַלטינסקין געשיינט די זון?

מיט געדולד זיך דערקליבן צו זייט 266 און געפונען אַ ליד (הגם עס איז אַ פּראָזע־בוך) וועגן דעם דיכטערס ערשטע ליבע. אפשר איז עס נביאות אויף זיין וויטער־דיקן גאַנג אין לעבן, מחמת אין די ערשטע צוויי שורות זאָגט ער:

„גיי איך שטאָלץ, מען זאָל נישט וויסן
דעם געקרויזטן קאָפּ פאַריסן..."

און ווייטער איז שוין דאָס ליד געווידמעט דער נישט־אויסגעליבטער ליבע:

„כ׳האָב געהאַט אַ גרויס אַ קלאָרן —
האָסט אַ טאָכטערקע געבאָרן.
און דיין מאַן אַ יונג אַ בראַווער
און דווקא נישט קיין קוטשעראַווער.
ווערט ער מיין פּאַרדרוס צערונען...
כ׳זע דיר היינט אין זיבן זונען!
און איך שיק אַ טעלעגראַמע:
אַ גרויס דיר, יונגע מאַמע".

וויטעבסק; מינסק; סטאַלינגראַדער פראָנט; בערלינער פראָנט; אינוואַלידנשאַפט; ווידער מינסק; ביראָבידזשאַן; כאַבאַראָווסקער תפיסה; רעזשימנעם טישעט לאַגער; ווידער מינסק און צום סוף ישראל.

דאָס איז דער דערנער־וועג פון אַ ידישן דיכטער, דעם עלטערן לייטענאַנט פון דער פּאָליטישער אָפּטיילונג — באַהאַנגען מיט אויסצייכענונגען, מעדאַלן און מיט — ידישע צרות.

דרייאונזיבעציק יאָר ציט זיך שוין אַט דער פיינ־פולער וועג און אויך אין מדינת ישראל האָט זיך דער דאָזיקער אינערלעכער וווּלקאַן נישט באַרואיקט און שפּייט נאָך אַלץ מיט פייער (און ווערליק אַ ידישער גזלן — איז עס בלויז ליטעראַרישער פייער...)

נאָך 16 לידער־ביכער, האָבן מיר פון מאַלטינסקין באַ־קומען דאָס צווייטע פּראָזע־בוך. און ס׳איז גוט אַזוי:

אַ דאַנק זיין פּראָזע, קאָנען מיר בעסער פאַרשטיין זיין געמיט און שטימונג, וועלכע איז איינגעוועבט אין זיינע לידער.

אין הניק אינדזעלע איז פונדעסטוועגן יאָ פאַראַן אויף זיין לעבנסוועג — דאָס זענען די קינדער זיינע, פאַר וועלכע ער האָט אַלץ געטאָן מיט טיפער פאָטערלעכער ליבשאַפט און איבערגעגעבנקייט. דאָס איז זיין נחת: זיי לעבן אַלע אין מדינת ישראל, שוין אייניקלעך דאָ — און מאַלטינסקי שפּיגלט זיך אין זיי.

טראָץ אַלע אַנטוישונגען און גריזאָטעס, האָט מאַל־

באזארגט לילי בערגער מיט אויטענטישן מאטעריאל (זי דאנקט אים אגב, אין דער הקדמה) און לילי בערגערס קינסטלערישער אינטואיציע, איז אויסגעוואקסן דער ראמאן וועגן אסתר פרומקינס לעבן, איר צייט און סביבה.

וועלכן בוך מען זאל נישט לייענען, און וויפל העלדן עס זאלן זיך דארטן נישט ארומדרייען — בלייבט סיי ווי דער הויפט־העלד תמיד דער מחבר פון בוך. מען שאצט אפ זיין טאלאנט; זיינע אידייען, וועלכע ער לייגט אריין אין מויל פון די פערסאנאזשן; זיין שפראך; זיין פעאיקייט זיך צו דערגרונטעווען און אויפקלערן די פסיכאלאגישע סיבות פון די האנדלונגען.

אין דעם ראמאן „נישט פארענדיקטע בלעטלעך" האט אבער פאסירט, אז לילי בערגער איז מגילגול געווארן אין אסתר פרומקין.

במילא מוז מען שוין אריינקוקן נישט נאר וואס אין בוך איז דא, נאר וואס אין בוך פעלט.

עס מערקט זיך, אז לילי בערגער איז מער באהאוונט אין דעם יעווסעקישן פעריאד פון אסתר פרומקינס לעבן, ווי אין איר בונדישן.

מינסק איז געווען א ייִדישע שטאט. צופיל ייִדישע גימנאזיסטקעס, אין אנהויב פון הײנטיקן יארהונדערט זענען דארטן נישט געווען. ווען אסתר (איר אמתער נאמען איז געווען מלכה ליפשיץ — פרומקין האט געהייסן איר ערשטער מאן) איז געווען טעטיק אין מינסקער „בונד", איז דארטן דער נאטשאלניק פון דער צארישער געהיים־פאליציי, די „אכראנע" געווען זובאטאוו.

ער האט געשטרעבט איינצופירן לעגאלע פראפעסיאנעלע פאריינען, וועלכע זאלן זיך פארנעמען בלויז מיט „ברויט און פוטער" פראבלעמען.

אן ענטוזיאסטישע אנהענגערין פון דער אידיי איז געווען די אכצניאריקע מינסקער גימנאזיסטקע מאניע ווילבושעוויטש (באקאנט אין דער בונדישער ליטעראטור, ווי די „זובאטאווקע").

מאניע ווילבושעוויטש האט שפעטער פארלאזט מינסק. אוועק קיין ארץ ישראל און דארט חתונה געהאט מיטן ארבעטער־טוער ישראל שוחט. אונטער דעם נאמען מאניע שוחט איז זי געווארן טעטיק אין דער קיבוצישער באוועגונג.

קומט אויף די פראגע: האבן די בײדע גימנאזיסטקעס — מאניע און אסתר זיך קיינמאל נישט באגעגנט? נישט דיסקוטירט צווישן זיך?

עס לייגט זיך אויפן שכל, אז נאך אין מינסקער ארבעטער־טוער האט זיך געדארפט טרעפן מיט אסתרן: וולאדימיר מעדעם. אויב נישט דירעקט אין מינסק, איז אויף דער עמיגראציע אין דער שווייץ.

די אסתר געשטאלט מאלט לילי בערגער מיט ליבשאפט, מיט אפאלאגעטיק פאר א פרוי, וואס האט אויפגעגעבן איר פריוואטן לעבן לטובת דער רעוואלוציע.

אירע פריידן און לײדן זענען עכט געשילדערט. די חרטה־אויסדרוקן (שוין אין דער סאוויעטישער פארשיקונג) זענען אבער בלאסע, פארנעפלטע.

האט אסתר, אין איר קאפאציטעט פון א הויכער באלשעוויסטישער פערזענלעכקייט קיינעם קיין שלעכטס נישט געטאן, זי זאל עס שפעטער באדויערן? פון אירע פארצייכענונגען פילט מען עס נישט ארויס.

אז זי איז געווען אן אנגעזעענע באלשעוויסטישע טוערין, שאצן מיר אפ לויט דעם, אז זי האט עטלעכע מאל באזוכט פערזענלעך סטאלינען אין זיין סעקרעטאריאט.

אסתרס איינדרוק פון סטאלינען: אזוי באגאבט, און אזוי העסלעך פיזיש...

סטאלינס איינדרוק וועגן אסתרן: (אין א באמערקונג צו זיין סעקרעטארין) שוין ווידער די היסטערישע יעווריקע — לאז איר אריין...

עס פעלט די פסיכאלאגישע באגרינדונג, פאר וואס זי, די אידעאליסטישע בונדיסטקע (ווי לילי בערגער שילדערט איר) איז נישט אוועק פון רוסלאנד, ווי די אנדערע בונדישע פירער: יאנקל העלפאנד (א. ליטוואק), ר. אבראמאוויטש, יודין־איזענשטאט און פיל אנדערע.

אפשר איז זי פארשיכורט געווארן פון דער מאכט, וואס זי האט מיט א מאל באקומען, פונקט ווי עס האבן זיך פארשיכורט מיט מאכט די ייִדישע קאמוניסטן אין פוילן, נאך דער צווייטער וועלט־מלחמה? שפעטער האט די זעלבע מאכט ווי „ארויסגעווארפן אויפן מיסטקאסטן פון דער געשיכטע" (באליבטער אויסדרוק אין באלשע־

# „קדימה"־ביבליאטעק

## נייע ייִדישע ביכער

בלומע לעמפעל: א רגע פון אמת — דערציילונגען.

איטשע גאלדבערג: עסייען.

וואלף טאמבור: שיר המעלות (טרעפנגעזאנג) — ראמאן.

העשל קלעפפיש (ד"ר): עכאס פון א פארשוונדענער צייט 1929־1939. (עסייען).

חיים מאלטינסקי. דער מאסקווער משפט איבער די ביראבידזשאנער.

שמואל שווארץ. אונטער רויטע הימלען.

שלום שטערן. די משפחה אין קאנאדע און דאס הויז געזינד פון פראפעסאר סידניי גאלדסטין.

ראזע קערש. דאס צעטעלע איז געבליבן אויפן טיש... דערציילונגען.

ש. אפטער: די מאראנען־משפחה דא סילווא; היסטארישער ראמאן.

פאלאקעוויטש. דער מדבר פארשווינדט: ראמאן פון ישראל לעבן.

עלי שעכטמאן. ריגעון אויף דער נשמה.

שלמה ווארזאגער: הי (נאוועלן).

ישראל קאפלאן: דאס פאלקסמויל אין נאצי־קלעם. רידעניש אין געטא און קאצעט.

מ. אייזענבוד

# א פארטרעט מיט ווייסע פלעקן...

**לילי בערגער:** „נישט פארענדיקטע בלעטלעך", ראמאן, ישראל־בוך 1982, 273 ז"ז.

רעסטאווורירן א פארצייטיק בילד, ארויסברענגען די אריגינעלע קאלירן; אויפלעבן די ניואנסן וועלכע זענען כאראקטעריסטיש פארן געגעבענעם מאלער — צו דעם מוז מען אליין זיין א טאלאנטירטער מאלער.

רעסטאווורירן א לעבן קען בלויז גאט, און דאס אין דעם צוזאג פון תחית־המתים.

ביאגראפיש נאכפאלגן א מענטשנס לעבן געהערט שוין צום זשאנער פון בעלעטריסטיק, און אין א באדייטנדער מאס — צו אנגעשטרענגטער פארש־ארבעט.

ס'איז אויך מעגלעך אנצושרייבן א ראמאן, אין וועלכן דער שרייבער לעבט אויף די צייט; די סביבה אין וועלכער עס האט געלעבט א פערזענלעכקייט, וואס האט באווירקט די געשעענישן און דאס לעבן פון זיינע מיטצייטלער.

אין ברייטע קינסטלערישע ראמען קאן א שרייבער (אויב ער האט גענוג טאלאנט) זיך לאזן ווילגיין און קאנסטרואירן פסיכאלאגישע סיטואציעס, וועלכע מיר אקצעפטירן ווי דעם קינסטלערישן אמת.

לילי בערגער האט אויסגעמיטן די אלע פארמען, הגם זי האט זיך פארנומען צו רעסטאווורירן דאס לעבן פון דער געוועזענער בונדישער טוערין פון מינסק, און די שפעטערדיקע פירערין פון דער יידישער סעקציע ביי דער אלפארבאנדישער קאמוניסטישער פארטיי — אסתר פרומקין.

דערמאנען מיר זיך, אז שלום אש, אין זיין ווערק „דער מאן פון נצרת" נוצט א געלונגענעם איינפאל פון באגעגענען זיך מיט א פאליאק פאן וויאדאמסקי, וועלכער פארזיכערט אשן, אז ער איז א גילגול פון דער צייט, ווען ישו הנוצרי האט געלעבט. דאן איז ער געווען דער הגמון קארנעליוס.

באנוצט זיך לילי בערגער מיט אן ענלעכן איינפאל.

זי טראכט צו א דאקטאר קאלעמבערג, וועלכער גיט איר איבער א מאנוסקריפט. דאס זענען די צעווארפענע, נישט־פארענדיקטע בלעטלעך, אויף וועלכע אסתר פרומקין האט אויפגעשריבן פראגמענטן פון איר לעבנס־געשיכטע, וואס קלינגען ווי א ווידוי. אבער דאס איז שוין געווען אין דער צייט פון איר ירידה — זי איז אפגעזעסן איר אורטייל פון 10 יאר — אין א סאוויעטישן לאגער.

די וועלכע קענען די פארהעלטענישן פון לאגער־לעבן און די באדינגונגען פון אלגעמיינעם באראק, וועלן זיך כאפן, אז אסתר פרומקין האט דארטן נישט געקאנט פארצייכענען איר לעבנס־געשיכטע אויף פאפיר, און מיט די פאפירלעך זיך ארומטראגן, אדער ערגעץ ווו באהאלטן. עס איז אבער נישט אויסגעשלאסן, אז פאר א דאקטאר, וועלכן זי האט געטרויט (ווייל אויך אין לאגער קאן מען קיינעם נישט געטרויען, מחמת א פרישער אורטייל פון 10 יאר איז נישט אויסגעשלאסן!) האט זי יא געקאנט דערציילן געוויסע פרטים פון איר פארגאנגענהייט.

א דאנק דער מיטהילף פון הלל קעמפינסקין, דעם לייטער פון דעם בונדישן ארכיוו אין ניו־יארק וואס האט אין א גרויסן פראנצויזישן פארלאג. די נאוועלן האבן געמאכט א שטארקן איינדרוק סיי מיטן אינהאלט, סיי מיט דער קינסטלערישער פארם. דער פארלאג האט געפאדערט וויטערע שאפונגען.

דער פארלאג איז געווארן פארווארפן מיט דערציילונגען, עפיזאדן דערציילטע פון די פרויען, וועלכע זענען געווען אין פארשידענע הארעמס, שאנד־הייזער, אנגעגעבן די נעמען פון די שטענדיקע איינגייער.

דאס ערשטע בוך האט געהייסן „קערבעל", ווו עס ווערט באשריבן דער האנדל מיט פרויען. דאס צווייטע בוך האט געטראגן דעם טיטל „די טאכטער פון באשי", א פראווינץ־שטאט אין אלזשיר. דאס דריטע בוך האט געהייסן „די מאראקאנערין סאאדא", וועלכע איז געווען א שקלאפין, און שפעטער א טוערין אין דער אנטי־פראנצויזישער באוועגונג. שפעטער האט זיך באוויזן א בוך „קאבארעט" און אנדערע דערציילונגען, געווידמעט דעם הארעם, די אינטריגעס, מארדן צווישן רייכע עפענדיס.

אלע ביכער זענען געווען וווּנדערבאר אנגעשריבן, מיט נאטוראליסטישע שילדערונגען. די פראנצויזישע קריטיקער האבן מיט ענטוזיאזם אויפגענומען די סענסאציאנעלע באשרייבונגען פון פארשווענדערישן לעבן, פון די אראבישע מאגנאטן.

מיט דער צייט איז אלץ געווארן פארגעסן: די וווּנדערלעכע דערציילונגען; די אראבישע לעגענדעס; דאס עראטישע לעבן אין און אויסער די הארעמס.

ספעציעל איז פיל געשריבן געווארן וועגן האנדל מיט די פרויען און דעם אנטייל אין דעם האנדל פון הויךגעשטעלטע פערזענלעכקייטן. מיט דער צייט זענען געשטארבן ביידע: עליזא רייס און איר שוועסטערן־זון ראול טאבעט, דער פאקטישער שרייבער פון די אלע שאפונגען.

איין מאל, מיט א סך יארן שפעטער, האט דער פראנצויזישער פארלאג „גראסעט" פארעפנטלעכט א בוך פון פאול טאבעט, דעם זון פון ראול טאבעט, שוין א פערציקיאריקער מאן, וועלכער האט געוווסט די גאנצע סענסאציאנעלע געשיכטע פון זיין פאטער און פון זיין עלטערמומע. דאס פארעפנטלעכטע בוך הייסט „עליזא רייס". דאס איז פאקטיש א בוך, אנגעשריבן פון א זון וועגן זיין פאטער, וועלכער האט געשריבן די ביכער און דערציילונגען פון זיין מומע עליזא רייס, וועלכע האט נישט געקאנט שרייבן, נאר האט געקאנט וווּנדערבאר דערציילן.

גורל און די יסורים פון פאָלק, ליבשאַפט, זכרונות פון פאָטער און מוטער, ברודער, שוועסטער, פון זיין היימשטאָט קיידאַן, וואָס ער האָט זי צוריק באַלעבט צו 'חיי־נצח'".

## יידישע וועלט־אָנערקענונג

איך גלייב, אַז מיר וועלן אין די קומענדיקע יאָרן אויסגעפינען אַ מער דעטאַליזירט אינהאַלטלעכן און מאָטיווירט אַנאַליטישן אויפנעם פון וואָלפעס ליטעראַרישער שאַפערישקייט. האָבדיק געלעגנהייט זיך עוסק צו זיין אַ צאָל יאָרן, אין אוניווערסיטעט פון טעקסאַס, אין אַמעריקע, מיט אַ דאָקטאָראַט־טעזיס, וואָס באַשעפטיקט זיך אויף אַ גרונטיקן קפדנישן אופן מיט געוויסע ליטעראַרישע ווערק פון איציק מאַנגער אין וועמעס נאָמען דוד וואָלפעס ווערט איצט באַערט, גלייב איך באמת, אַז אַ טאָג וועט קומען ווען מיר וועלן האָבן דעם כבוד און פאַרגעניגן אַז אַ סטודענט פאַר אַ דאָקטאָראַט פון אונדזער היגן וויטס' דעפּאַרטמענט פון העברעישע לימודים (וואָס האָט ניט לאַנג צוריק אָנגעהויבן אויסברייטערן זיינע אַקטיוויטעטן אין יודאַיסטישע שטודיעס און אויך אין שטח פון ידיש לשון און קולטור), וועט זיך קאָנצענטרירן אויף דוד וואָלפעס פּאָעזיע און פון עכט וויסנשאַפטלעך פאַרשערישן זעפונקט. דערווייל לאָמיר אויפהייבן אַ פולן כוס ווין צו דער פריידיק גליקלעכער קולטור־געשעעניש, וואָס אַ יאָהאַנעסבורגער יידישער פּאָעט איז אָנערקענט געוואָרן פון דער ליטעראַרישער וועלט־געמיינשאַפט פון יידישע שאַפערס, ווי אַ וויכטיקער רינג אין דער גאָלדענער קייט פון דער יידישער ליטעראַטור. לחיים!

---

# עליזאַ רייס

(אַ יידישע שרייבערין וועלכע האָט נישט געקענט שרייבן)

### באַאַרבעט פון וו. יאַבלאָנסקי

גערעדנקט ווער דעם נאָמען פון אַ שרייבערין עליזאַ רייס? אירע שאַפונגען זענען געווען באַקאַנט אין פראַנקרייך אין די צוואַנציקער יאָרן. זיי זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך איינעם פון די גרעסטע פאַרלאַגן אין פראַנקרייך. דער פאַרלאַג האָט אַרויסגעגעבן די ווערק פון באַרימטע פראַנצויזישע שרייבער ווי דוהאַמעל, קאָלעט, מאַראַנד, זשיד, מאָריאַק, פּאַניאַט־איסטראַטי*) און אַנד. די שרייבערין עליזאַ רייס האָט קוים געקאָנט לייענען. שרייבן האָט זי נישט געקענט. ווער האָט פאַר איר געשריבן די אַלע שפּאַנענדיקע ווערק אין פראַנצויזיש, וועלכע זענען געווען די „בעסטסעלערס" אין דער צייט?

עליזאַ רייס איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1882 אין דער שטאָט בלידזע, אַלזשיר. ווען זי איז אַלט געוואָרן 17 יאָר האָט מען איר מיט געוואַלד חתונה געמאַכט פאַר אַ רייכן מאַן. אירע עלטערן האָבן געוווּסט, אַז ער איז אַן אַראַבער פון יידישער אָפּשטאַמונג. אָבער זי, עליזאַ, האָט קיין אַנונג נישט געהאַט — זי איז געווען זיכער אַז ער איז אויך אַ ייד. דער „יידישער" מאַכמעדאַנער האָט נאָך די האָניג־חדשים פון זייער חתונה פאַרקויפט על'זאַ צו אַ רייכן עפענדי, וועלכער האָט געהאַט אַ האַרעם מיט אַ גרעסערער צאָל ווייבער, אָפּשטאַמיקע פון פאַרשידענע אַזיאַטישע און אַפריקאַנער לענדער.

די יונגע עליזאַ איז געוואָרן זייער פאַרצווייפלט און אומגליקלעך. די איינזאַמקייט און די בענקשאַפט האָט שרעקלעך געמאַטערט. אין דעם זעלבן האַרעם זענען געווען אַ סך אומגליקלעכע פרויען, וועלכע האָבן געטרוימט און געהאָפט אַז זיי וועלן זיך אָרגאַניזירן, דערמאָרדן דעם עפענדי מיט זיינע היטער — יעוונוכן און אַרויסקריגן זיך אויף דער פריי. עליזאַ איז געווען די אינטעליגענטסטע און טעמפעראַמענטפולסטע פון זיי. זי האָט אויך געהאָפט און געוואַרט אויף דעם מאָמענט, ווען זי וועט זיך באַפרייען צוגלייך מיט אַנדערע פרויען פון דעם עפענדיס האַרעם.

מיט דער צייט האָט עליזאַ זיך פאַרשאַפט גרויס אָנזען ביי די אַנדערע פרויען. זיי האָבן איר דערציילט פיל איינצלהייטן פון זייער לעבן. מערסטנטייל זענען דאָס געווען אַראַבישע פרויען, וועלכע זענען פאַרקויפט געוואָרן פון איין רייכן אַראַבער צו אַ צווייטן. די פרויען האָבן געקאָנט די אינטריגעס; דעם האַנדל; די נעמען פון די סוחרים, וועלכע האָבן מיט דער הילף פון דער פראַנצויזישער אַדמיניסטראַציע געפירט לעגאַל דעם שקלאַפןהאַנדל מיט די פרויען. פיל פון די פרויען האָבן גוט געקאַנט די אייראָפּעאישע שטעט און די שאַנד־הייזער, מיט וועלכע עס האָבן פאַרוואַלטעט מענטשן פון דער אונטערוועלט.

עליזאַ האָט געהאַט אַ גוטן זכרון און אַלץ פאַרגעדענקט. אין יאָר 1917 איז דער רייכער עפענדי געשטאָרבן. ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז דער אַראַבער געווען אַן אייגנטימער פון נאָך עטלעכע האַרעמס. די פרויען פון די אַלע האַרעמס זענען אין דער זעלבער צייט באַפאַלן די וועכטער־יעוונוכן — אַ טייל דערמאָרדעט און אַנטלאָפן אין פאַרשידענע ריכטונגען. עליזאַ איז געווען גענוג פאַרמעגלעך, אָבער איינזאַם. זי האָט אַרומגעוואַנדערט אין פאַרשידענע שטעט פון אַלזשיר און האָט קיינעם נישט אָנגעטראָפן פון איר משפחה.

אין פאַריז האָט זי ענדלעך אויסגעפונען איר שוועסטערס אַ זון, וועלכער איז אַלט געווען 20 יאָר. דער יונגער מענטש איז שוין געווען אייראָפּעאיזירט. געהייסן האָט ער ראָול טאַבעט. ער איז געווען אַ זייער אינטעליגענטער מאַן, וועלכער האָט באַקומען זיין בילדונג אין די פראַנצויזישע שולן אין אַלזשיר און שפּעטער אין פּאַריז. ער האָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט זיין מוטערס שוועסטער און ספּעציעל מיט די דערציילונגען פון איר לעבן און פון לעבן פון אַנדערע פרויען אין די אַלזשירישע האַרעמס.

ראָול טאַבעט האָט זיין מומעס דערציילונגען פּינקטלעך פאַרנאָטירט און שפּעטער באַאַרבעט אויף אַ ליטעראַרישן אופן. די ערשטע נאָוועלן האָט ראָול טאַבעט אונטערגעשריבן מיטן נאָמען עליזאַ רייס און געשיקט זיי

---

*) אַ רומענישער שרייבער.

ער געלעבט אין אַ צאָל מיזרח און צענטראַל־אייראָפּעישע לענדער, נאָך דעם אין ענגלאַנד און אַמעריקע. צום סוף זיך באַזעצט אין ישראל, וווּ ער האָט פֿאַרבראַכט די לעצטע יאָרן פֿון זיין לעבן. דער ליטעראַרישער פּריז אויף זיין נאָמען, ווערט ניט נאָר אָפּגעשאַצט אין ישראל, וווּ ער ווערט יערלעך צוגעטיילט צו אַ וויכטיקן, אָדער מערערע שאַפֿערס אויף דעם יידיש קולטורפֿעלד, נאָר ווערט באַטראַכט אין דער גאַנצער יידישער וועלט, ווי דער סאַמע חשובסטער פּריז פֿון אונדזער צייט פֿאַר בײַשטייערונג צו דער קולטור אויף יידיש, אָדער — ווי געוויסע אינטעלעקטואַלן רופֿן עס: דער נאָבעל־פּריז פֿאַר יצירה אין יידיש.

דוד וואָלפּע, דער ניי־געפּרייזטער מיט דער מאַנגער־אויסצייכענונג פֿאַר 1983, איז געבוירן געוואָרן אין קיידאַן, ליטע. געלערנט אין חדר, פֿאָלקשול, תרבות־גימנאַזיע. אין יענע יאָרן זיך אָנגעשלאָסן אין דער יוגנט־באַוועגונג השומר הצעיר. זייענדיק בלויז 16 יאָר אַלט, איז ער שוין געווען דער רעדאַקטאָר פֿון העברעישן זשורנאַל פֿון זיין קיבוץ הנשר (דער אָדלער). אין 1930 איז ער עולה געווען קיין א״י. ווי אַ חבר פֿון ערשטן גרעין פֿון קיבוץ השומר הצעיר מליטא (נאָך דעם זיך אינקאָרפּאָרירט אין קיבוץ בית־זרע, איינער פֿון די עלטסטע גוט־איינגעפֿונדעוועטע קיבוצים אין עמק־הירדן). אין זיינע חלוצישע יאָרן האָט וואָלפּע געאַרבעט אין די פּרדסים און כּרמים פֿון בנימינה און פּתח־תקווה. אין יענע יאָרן האָט ער געמאַכט די ערשטע שריט אין העברעישער ליטעראַטור, וואָס האָט געפֿירט צו שפּעטערדיקער שאַפֿערישקייט אין יידיש. אין 1933 האָט ער פֿאַרלאָזן דעם קיבוץ און געאַרבעט אין דער דעמאָלט יונגער שטאָט תל־אביב ווי אַ פּועל־בנין. אין 1936 איז ער צוריקגעפֿאָרן קיין אייראָפּע, און שפּעטער אַריין אין דער ליטווישער אַרמיי. זיינע מעמואַרן פֿון יענע דערפֿאַרונגען האָט ער געדרוקט אין דער צייטשריפֿט דרום־אַפֿריקע — 1960־1959 — באַטיטלט: אַ ייד אין דער ליטווישער אַרמיי. פֿון 1941 ביז אַפּריל 1945, האָט וואָלפּע דורכגעמאַכט די סאַמע שווערסטע יאָרן פֿון זיין לעבן: אין דער קאָוונער געטאָ, פֿון וואַנען ער איז טראַנספּאָרטירט געוואָרן, אין יולי 1944, צום טרויעריק־באַרימטן קאָנצענטראַציע־לאַגער דאַכאַו. סוף אַפּריל 1945 באַפֿרייט געוואָרן, מיט די אַנדערע לעבן־געבליבענע פֿון די לאַגערן, דורך דער אַמעריקאַנער אַרמיי. מחמת זיין געזונט־מצב איז ער געבליבן אַ לענגערע צייט אין שפּיטאָל סאַנט אָטיליען, בייערן, דייטשלאַנד. אין דעם שפּיטאָל האָט ער געטראָפֿן די אַכצן יאָריקע פּליטים־מיידל, וואָס איז געשיקט געוואָרן פֿון יידישן פּליטים־לאַגער אין בערלין. שפּעטער, 1947, איז זי געוואָרן זיין פֿרוי — די מאַמע פֿון 3 זין און 2 טעכטער. אַלע אין יאָהאַנעסבורג. דער שפּיטאָל־עפּיזאָד איז ניט געווען בלויז אַ פּערזענלעכע געשעעניש אין לעבן פֿון דוד און ראָזע וואָלפּע. נייערט אַן אומענדיקער גייסטיקער קוואַל פֿון רירנדיקע לידער פֿון דיכטער, וואָס קרייזט אַרום זיין פֿאַרגליבטן מלאך ראָזע (אָדער, ווי ער רופֿט זי געווינלעך, אין פּריוואַטן לעבן און אויך אין פּאָעזיע: רייזעלע).

## דער תחית־המתים צום נצח

דער אַנזעעוודיקער בוך פֿון דוד וואָלפּע, איז דער וואָגיקער באַנד אַ וואָלקן און אַ וועג: אַן אויפֿקלייב פֿון גוטס אין זיין ליטעראַרישער גערעטעניש, וואָס נעמט אַרום 30 יאָר שאַפֿן (1975־1945). דאָס בוך, וואָס איז שיין (אַפֿילו לוקסוסדיק) אַרויסגעגעבן, איז דערשינען אין יאָהאַנעסבורג אין 1978, דורכן קאַיאָר פֿאַרלאַג. ס׳נעמט אַריין אַ מאַסע פֿון ביאָגראַפֿישן מאַטעריאַל, וווּ ער פֿאַרנעמט זיך אויך, פּאָעטיש, מיט די פּיינפֿולע און טראַוומאַטישע זכרונות פֿון דעם חורבן. פֿאַראַן אויך אַן אָפּטייל, וואָס נעמט אַריין סאָנעטן וועגן דרום־אַפֿריקע, אַ דיכטערישער פֿענאָמען, כּמעט אין גאַנצן ניי און אומבאַקאַנט אין דער יידישער ליטעראַטור. דאָס בוך איז אויפֿגענומען געוואָרן גאָר ענטוזיאַסטיש פֿון געוויסע מומחים אין דער יידישער ליטעראַטור און יודאַיסטישע קרייזן, אין דרום־אַפֿריקע און אויך מעבר לים.

פּראָפֿ. סאָל ליפּצין, אַ גרויסער אויטאָריטעט אין יידישער ליטעראַטור, האָט געשריבן: „וואָלפּע, אַן עסייאיסט, נאַראַטאָר, געוועזענער רעדאַקטאָר פֿון דרום־אַפֿריקעס בעסטער ליטעראַרישער צייטשריפֿט אויף יידיש, איז, ראשית־כּל, אַ פּאָעט. זיינע פֿיינסטע לירישע און טראַכטערישע לידער פֿון די לעצטע דריי דעקאַדעס, זענען צונויפֿגעזאַמלט אין דעם באַנד. אין וואָלפּעס לידער טריומפֿירט די פֿרייד איבער דעם אומעט, ניט געקוקט אויף דער שפֿע פֿון חורבן־טעמאַטיק; דער זולו־עקסטאַז געפֿינט אַ שטאַרקערע עקספּרעסיע ווי די מעלאַנכאָליע פֿון איינגעבוירענע אַפֿריקאַנער, וואָס גראָבן זיך אין די שאַכטעס פֿון דער ערד, אונטער יאָהאַנעסבורג; אַלטע, טראַדיציאָנעל יידישע ניגונים, זענען אים בילכער ווי די פּאָעטישע מאָדערנע ריטמען; די דיסציפּלין פֿון דער סאָנעט סטרוקטור און דער גלייכמאָסיקער פֿלייץ פֿון די געגראַמטע פּיריקע שורות דאָמינירט איבער דעם פֿרייען אומגעגראַמטן פֿערז״. דער געלערנטער, פּראָפֿעסאָר פֿון פֿילאָסאָפֿיע, עזריאל נאַקס, איז פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון וואָלפּעס פֿילאָסאָפֿישער פּאָעזיע. ער שרייבט: „אין אַ חריפֿותדיקן און בייסיקן ליד זאָגט אונדז דוד וואָלפּע, אַז גאָט האָט אָנגעטאָן דעם מענטש אַ העמד פֿון ליכט, אָבער ער האָט פֿאַרפֿעלט, צום באַדויערן, אים צו שענקען פֿליגל. אין דעם סובטעלן בילד שטעלט דער פּאָעט ווידער אַ מאָל פֿעסט דעם טראַגישן פּאַראַדאָקס, וואָס איז אַ תּנאַי פֿאַרן מענטשלעכן מהות. דער פּאַראַדאָקס, אין אַ קרעפּטיקער און סימפּליצירטער פֿאָרמול, געפֿינען מיר שוין אין בראשית: דער מאַן ווערט באַשטימט צו זיין אַ באַשעפֿעניש אין געשטאַלט פֿון גאָט, און דערביי אַ בריאה, אויסגעפֿורעמט פֿון דעם שטויב פֿון דער ערד און זיין גורל זיך צוריק פֿאַרוואַנדלען אין שטויב״. און אונדזער באַליבטער פּראָפֿעסאָר ש. ראַפּאַפּאָרט, אַ גרויסער עקספּערט ניט בלויז אין יודאַיסטישע לימודים, נאָר אין אַרומגייענדיקע ענציקלאָפּעדיע פֿון אוניווערסאַלער קולטור, האָט געשריבן תּיכּף נאָכן דערשיינען פֿון בוך: „וואָלפּעס פּאָעטישע ווערק נעמען אַרום די טעמאַטיק פֿון חורבן, יידישער

י. מ. לעווין

# דודס נסיון

זיצט פּאַרטאָן אין זיך דער בעל תהילים,
מיט שקיעה גאָלד גלאַנצט קרוין און שווערד,
פון מדבר ציען ווינטעלעך קילע,
בלויע בענקשאַפט הילט איין די ערד.

ער טראַכט וועגן תהילים און זיינע שלאַכטן,
וועגן רום פון שווערד און קראַנץ פאַר שירה;
וואָס איז ליבער?... טראַכט ער זיין טראַכטן
„פלאַם פון וואָרט צי רויע גבורה?"...

ער צים פּאַמעלעך פון באָרד אַ האָר —
אַ גלאַנציקער קרויז האַלבלעך גרוי,
און ר'שיקט אַ תפילה פאַר זעט פון יאָרן
מיטן אלטן זאָג „ברוך הוא וברוך שמו".

די עלטער שוינט נישט אפילו אַ קעניג —
מתקן זיין דאַרף ער נאָך אַ וועלט...
זאָגט דען וועך „ס'איז גענוג?"...
און מלך דוד ווייסט וואָס אים פעלט.

קנייטשט ער דעם שטערן, די אויגן טריבן —
פון אלע נשים אַ קנאַפּער געגנוס...
פון תהילים אָן אות היינט נישט געשריבן —
ציטערט דאָס האַרץ אים מיט פּאַרדרוס.

אפילו מודה אני היינט נישט געזאָגט —
ווי ס'פּאַסט פאַר אַ ייד פון זיין ס'גאל...
וועט ער צו מנחה משלים זיין דעם טאָג
מיט אַ מזמור לדוד פון אייגענעם קוואַל!

פּלוצלינג דערבליקט ער אויף אַ דאַך פון אַ הויז —
נאַענט כאָטש דערלאַנג מיט דער האַנט —
אַ שיינע יונגפרוי אַ בליענדע רויז
וואַשט זיך בנעימות האַרט ביים ראַנד.

ער ווייסט — די תורהס „לא תחמוד" —
זי איז ס'איינציקע ווייב פונעם חיתי —
נאָר תאווה איז שטאַרקער פאַר בושה און טויט —
און ער פּאַלגט נישט דעם נביאס — „דוד, ניטע!"

קוקט ער אויף שבען און וועגט דעם רעיון —
מעג דער בעל תהילים באַגערן אַ זינד?....
ער ווייסט ס'איז נישט שיין, ממש שגעון
צו קוקן ווי איר לייב איז געצערטלט פון ווינט...

נישט שיין... און ס'תהילימל פון זיך אַ שאר —
הוילע מליצה... האָניק זיסע רייד...
צוליב אַ פאַרבאָט זאָל ער איינגיין פון צער—
ווען קהלת שרייבט „דיין צייט לעב אין פריידן"

ער בליקט צו שבען און צו די שטערן אין הימל,
און אַזוי רעדט צו זיך דוד „זיי נישט קיין שוטה...
ס'איז באַלד חצות — גיט ער אַ מורמל —
און ריין פון זינד זענען נאָר טויטע..."

דער מאָרגנשטערן טרעפט אים אַ מיד־מאַטן
מיט דער האַרף אין האַנט אין אַ מאַנטל געהילט,
אין האַרץ גייט אים אויף אַ ליבע סאָנאַטע —
די האַרף שפּילט מיט בענקשאַפט שטיל... שטיל...

אַ נייער מזמור שטייגט צו די רוימען
„האַר פון דער וועלט וואָס וועגט צדק מיט דין —
פאַרגיב, אל רחמים, מיינע מענטשלעכע טרוימען —
אָן שיינקייט, אָן טרוים האָט ס'לעבן קיין זין".

## שרייבער און ביכער

פּראָפ. יוסי גמזו*) (צוגעשיקט פון מחבר)

# אויסצייכענונג פאַר אַ יידישן פּאָעט

די העכסט בכבודיקע ליטעראַרישע פּרעמיע, איציק מאַנגער פּריז פאַר ליטעראַטור־שאַפונג אין יידיש, האָט מען אין מאַי 1983, אין תל־אביב, ישראל, צוגעטיילט דעם יאָהאַנעסבורגער יידיש פּאָעט דוד וואָלפע.

פאַר די לייענער, וועלכע זענען נישט באַקאַנט מיט די דריי עקן פונעם ליטעראַרישן דרייעק — איציק מאַנגער — דער מאַנגער־פּריז — און דער פּאָעט דוד וואָלפע, וואָלט איך דאָ וועלן בקיצור געבן עפּעס פון דער נייטיקער אינפאָרמאַציע.

דאָס וועט דערמעגלעכן, אפילו דעם אומוויסנדיקן צווישן אונדז אָפּצושאַצן וואָס פאַרא גרויסער כבוד און קולטור־פּרעסטיזש די ליטעראַרישע פּריז־צוטיילונג ברענגט ניט נאָר דעם פּאָעט אַליין, נייערט דעם גאַנצן דרום־אַפריקאַנער יידישן קיבוץ. דאָס מיינט: אַ טיפערע סיבה צו זיין שטאָלץ אויף זיך אַליין, ניט בלויז ווי אַ ווי־טאָלער בײַשטײערער אין צוטראָגן עקאָנאָמישע און פּאָליטישע שטיצע צו ישראל, ווי אויך צום יידישן לעבן בכלל, נאָר אויך, איינצייטיק, צו דער גייסטיקער און קולטורעלער ספערע פון דעם ישוב.

### פון קיבוץ צו דער געטאָ

איציק מאַנגער (1969־1901) איז געווען איינער פון די גרעסטע און פון די סאַמע אָריגינעלסטע יידישע פּאָעטן פון אונדזער יאָרהונדערט. געבוירן אין רומעניע, האָט

---

*) ראש פון דעפּאַרטמענט פאַר העברעיש שטודיעס אין דעם אוניווערסיטעט פון וויטוואַטערסראַנד, דרום אַפריקע.

רער זענען געווען נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן. ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1954.

היטלער האָט איבערגעלאָזט נאָך זיין טויט שריפטן, געשפּרעכן און ביכער. צי ער האָט די ביכער אַליין געשריבן אָדער עמיצער האָט אים געהאָלפן, איז אַ זאַך פאַר היסטאָריקער צו באַווייזן. זיין „מיין קאַמף" איז וואַרשיינלעך געהאָלפן געוואָרן דורך זיין פריינד העס. די „טיש־געשפּרעכן" זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן פון פאַרשידענע גוט באַקאַנטע היסטאָריקער. „די לעצטע טעג פון היטלערן" איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון דעם באַקאַנטן היסטאָריקער ה. ר. טרעוואָר־ראָפּער.

דער זעלבער היסטאָריקער האָט אויך אַרויסגעגעבן: „דער טעסטאַמענט פון אַדאָלף היטלער"; אַן אַנדערער היסטאָריקער, טעלפאָרד טיילאָר האָט אַרויסגעגעבן דאָס בוך: „היטלערס סעקרעט־בוך".

די אינפאָרמאַציע וועלכע מיר האָבן באַקומען מיט אַ קורצער צייט צוריק, אַז מען האָט געפונען היטלערס טאָג־ביכער קומען צו אונדז אויף אַ מיסטישן אופן. מ'קאָן נישט וויסן גענוי ווער ס'האָט זיי געשריבן, אָדער עמיצער האָט בלויז זיי אונטערגעשריבן. ווייניק היסטאָריקער מיינען, אַז זיי קאָנען זיין ריכטיקע און דאָס וועט ענדערן דאָס היסטאָרישע פּנים פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. זייער ווייניק אַנגעלעגנהייטן זענען געבליבן פאַר די היסטאָריקער צו פאָרשן. פּראָבלעמען וועלכע זענען געבליבן אומבאַקאַנט פאַר די היסטאָריקער זענען געציילטע. די סיבות וועלכע האָבן געפירט צו היטלערס פאַרשפּילן די מלחמה זענען זייער פיל.

די פאָלגנדע ענינים זענען נאָך נישט הונדערט פּראָצענט קלאָר: האָט היטלער געהאַט אַ קאָמפּלעט אויסגעאַרבעטן פּלאַן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה? פאַר וואָס האָט ער אָנגעהויבן די מלחמה? האָט ער נישט געהאַט קיין גוט צוגעגרייטן פּלאַן און דערפאַר האָט ער פאַרלוירן די מלחמה?

דער אמת ־איז, און ס'איז פאַראַן אַ גוט באַגרינדעטע מיינונג, אַז היטלער האָט נישט צוגעגרייט קיין פּלאַן פון אַ מלחמה אַזוי ווי סטראַטעגן פאַרשטייען עס אונטער דעם וואָרט. דאָס בייטן די פראָנטן, דאָס פאַרבינדן זיך מיט שונאים פאַר אַ צייטווייליקן זיג און אָנהייבן דעם קאַמף קעגן די רעגירונגען מיט וועלכע ער איז געווען נעכטן פאַרבונדן, איז צו זען, אַז דער פּלאַן זיינער איז נישט געווען קיין גרינטלעכער, קיין ממשותדיקער, נישט ראַעליסטיש אויסגעאַרבעט. דער פּלאַן איז געווען אויבערפלעכלעך אָרגאַנזשירט. ער האָט אַ מאָל געוווּנען, אָדער פאַרשפּילט — ס'איז געווען אַ לאָטעריע. אַלס ביישפּיל קאָן דינען פּוילן. פּוילן האָט געהאָלפן דייטשלאַנד אַנעקסירן טשעכאָסלאָוואַקיע; דייטשלאַנד האָט זיך דאַן פאַרבונדן מיט רוסלאַנד און האָט צעטיילט פּוילן. די פּוילישע מאַכט איז געווען קעגן אוקראַינע. פּוילן האָט זיכער געקענט העלפן דייטשלאַנד אין אַזאַ אונטערנעמונג. אין היטלערס „סעקרעט בוך", מיט דער פאָררעדע פון טעלפאָרד טיילאָר, געפינען מיר אַז היטלער האָט געגלויבט אַז ענגלאַנד איז נישט געווען קעגן די וועלכע ווילן האָבן אין אייראָפּע אַן אימפּעריע. גרויסקייט און שטאַרקייט שטאַמט פון איר פּאָזיציע אויף דעם וואַסער. דייטשלאַנד דאַקעגן האָט געזוכט איר מאַכט צו אַנטוויקלען אין אייראָפּע. דאָס איז געווען זיין מיינונג, אַז ענגלאַנד וועט נישט וואַגן צו שטערן דייטשלאַנד אין איר באַהערשן מזרח־אייראָפּע, איינשליסלעך רוסלאַנד. פאַר דייטשלאַנד ליגט די צוקונפט אין רוסלאַנד. „אַזוי לאַנג ווי דייטשלאַנד באַגרענעצט זיך צו ריין־אייראָפּעאישע צילן, דראָט איר קיין שום געפאַר מצד ענגלאַנד". ענגלאַנדס סימפּאַטיע פאַר פראַנקרייך האָט פאַר היטלערן קיין שום באַדייטונג נישט געהאַט. דער קאַמף אין דונקערק איז באַלערנדיק, מען קען אָננעמען, אַז אין דונקערק האָט היטלער נישט געוואָלט צעשטערן די ענגלישע אַרמיי, ווייל היטלער האָט געגלויבט אַז ענגלאַנד וועט דאָך לאָזן דייטשלאַנד עקזיסטירן אויפן מערב. אין אַ גרויסער מאָס האָט היטלער געהאַט אַ גרונט צו טראַכטן, אַז ענגלאַנד וועט וואַרטן און וועט נישט אָנהויבן גלייך צו קעמפן קעגן אים. דאָס אָפּגעבן פון ענגלאַנד די קריגס־דערקלערונג צו היטלערן (דעם 3טן סעפּטעמבער 1939) און היטלערס רעאַקציע: „וואָס ווייטער?", זאָגן עדות, אַז ס'איז געווען נישט דאָס וואָס היטלער האָט געוואָלט. ווען העס איז געפלויגן קיין ענגלאַנד האָט היטלער אים דערקלערט פאַר אַ משוגענעם. עס איז זיכער, אַז היטלער האָט איבערגערוקט זיין רעדע אין רייכסטאָג פון 3טן אויפן 8טן יולי 1940. אין לאָנדאָנער ראַדיאָ האָט דאַן טשערטשיל געזאָגט: „מיר דערוואַרטן דעם אָנפאַל, אפשר וועט ער קומען היינט ביינאַכט, אפשר וועט ער קומען קומענדיקע וואָך, אפשר וועט ער אין גאַנצן נישט קומען. מיר וועלן קעמפן, מיר וועלן נישט בעטן קיין רחמנות". היטלער האָט דערויף געענטפערט: „איך בין אויסגעקליבן געוואָרן דורכן גורל צו ברענגען פרידן צו די דאָזיקע מענטשן. איך האָב נישט געוואָלט קעמפן מיט ענגלאַנד, איך האָב געוואָלט אויפבויען אַ מלוכה מיט אַ נייער סאָציאַלער אָרדענונג און קולטור־סטאַנדאַרד. דער רעזולטאַט פון דער מלחמה וועט זיין דער אונטערגאַנג פון ענגלאַנד און נישט פון דייטשלאַנד".

היטלער האָט געוואָלט איין זאַך — אַז ענגלאַנד זאָל זיצן רואיק און נישט קעמפן קעגן דייטשלאַנד. ער האָט זיך פאַררעכנט.

היטלער איז געקומען צו דער דעציזיע, אַז איצטער איז ריף די צייט צו פירן די מלחמה אין מזרח. דאָס איז געווען זיין הויפּט־ציל. ער האָט דאָס דערקלערט זיין גענעראַל האַלדער: ענגלאַנד וואַרט אויף רוסלאַנד און אַמעריקע. אָבער ווען רוסלאַנד וועט נישט עקזיסטירן וועט דייטשלאַנד זיגן. מיר זעען דאָ בפירוש די נישט ראַעלע ווירקלעכקייט. זיינע פּלענער האָבן זיך געביטן. היטלער האָט געמוזט אָננעמען דאָס וואָס ער האָט נישט געטאָרט: צו קעמפן אויף צוויי פראָנטן. רוסלאַנד האָט צונישטגעמאַכט זיין בליץ־קריג, אַ דאַנק די קאַלט־קלימאַטישע באַדינגונגען, און אַמעריקע האָט פאַרגרעסערט די מלחמה־פּראָדוקציע. אַלץ איז קלאָר. מער דאָקומענטן זענען פאַר קיינעם נישט נייטיק.

מגר. בן־ציון פעלדשוה

# וועמען זענען נויטיק היטלערס טאָג־ביכער?

היטלער איז געווען באַאײנפלוסט פון דער מיטאָלאָגיע. די מיטאָלאָגיע האָט אים צו זיך צוגעצויגן. ס׳איז פאַר אים גאָר נישט געבליבן, נאָר צו פירן אַ העראאיש לעבן און נאָך זיין טויט, וועלכער קאָן קומען אַלס אַ רעזולטאַט פון אַ היסטאָרישער געשעעניש, וועט ער אַריינגיין אין „וואַלהאַלאַ" און דאָרט ווערן אַ מיטישע געשטאַלט.

אין ווין איז דער פאַרלויפער פון היטלערן געווען אַ געוויסער לאַנץ פאָן ליבענפעלד, אַן אַרויסגעבער פון בראָשורן אונטער דעם נאָמען „אָסטאַראַ". לאַנץ איז געווען דער אָרגאַניזאַטאָר און גרינדער פון דער עסטרייכישער ראַסן־אידעאָלאָגיע און ראַסן־רעליגיע. די ראַסן־אידעאָלאָגיע און ראַסן־רעליגיע איז באַגרינדעט געוואָרן פון דעם ענגלענדער טשעמבערליין און פראַנצויז גאָבינוי. לויט אָט דער אידעאָלאָגיע איז דער אַריער די באַזע פון אַלע ווערטפולע האַנדלונגען, פון היסטאָרישע פּראָצעסן און וויסנשאַפטלעכע אַנטוויקלונגען. דער אַריער אַליין איז דער בויער פון מלוכות. אַלץ וואָס מיר האָבן אויף אונדזער ערד: וויסנשאַפט, טעכניק, דערפינדונגען איז נאָר דער שעפערישער פּראָדוקט פון איין ראַסע — די אַרישע ראַסע. די אַרישע ראַסע איז די איינציקע פאַרגייערין און בויערין פון פאָרשריט און ציוויליזאַציע.

טעאָרעטיש איז היטלער נישט געווען קיין נאַציאָנאַליסט. ער איז געווען אַ נאַציאָנאַליסט אַזויפיל וויפיל ער איז געווען אַ „סאָציאַליסט". בײדע האָט ער אויסגעביטן פאַר דער ראַסע. היטלער איז געווען ראַסיסטיש. מיט דעם וואָרט „ראַסע" האָט ער געוואָלט איינפירן אַ נייע אָרדענונג אויף דער גאַנצער וועלט. די דייטשן האָבן געזאָלט זיין די ערשטע וועלכע זענען געווען גרייט איינצופירן געזעצן כדי צו רייניקן דאָס דייטשע פאָלק פון מישונגען מיט דעם נישט וויכטיקן טייל פון דער מענטשהייט.

די נאָרדישע פעלקער זענען אין דער ערשטער רייע געווען די סקאַנדינאַווישע פעלקער. חתונות צווישן דייטשן און נאָרוועגן אָדער האָלענדער זענען מיט ערנסט און באַגייסטערונג געוואָרן אויפגענומען. די ראַסן־ריינע חתונות פירן — לויט דער דאָזיקער טעאָריע — צום געבוירן קינדער ענלעכע צו גאָט. געמישטע חתונות — דאָס הייסט צווישן די הויך־ראַסיסטישע און מינדערוויכטיקע פאָרטנערן געבוירן מאַלפּעס. אַזאַ מישלינג איז לויט היטלערן אַ מאַלפּע.

היטלערס לערע איז באַשטאַנען פון צוויי באַגריפן: איינער, ווי צו העלפן די עליטע, און דער צווייטער — צוצוגרייטן מעגלעכקייטן ווי צו עלימינירן פון דער צווייטער גרופּע די מינדערוויכטיקע ראַסן — דורך פאַרשקלאַפונג, אויסהונגערן און טויט. די פרוי האָט געהאַט איין ציל אין איר לעבן — געבוירן דייטשן, זיי זאָלן אַריינגיין אין דער אַרמיי און קעמפן. די פרוי, לויט היטלערן, האָט דעם אינסטינקטיוון דראַנג צו פאַרמישן די ראַסע.

לאַנצעס אידייען זענען דער הויפּט־מקור פון היטלערס פילאָסאָפיע פון נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם. לאַנץ האָט איבערגעלעבט היטלערן. פון 1934 ביז 1938 האָט לאַנץ געהאַלטן רעפעראַטן אין די אוניווערסיטעטן, ווו די צוהע־

---

ברעט צו אַנדערע, ווייט־גרייכנדע אָפּשאַצונגען. מיר באַנוצן אַן ענלעכע טעכניק אין מלחמה־צייט. ווען מיר הרגענען מענטשן פון יענער זייט פראָנט (נישט וויכטיק אויף וועלכער זייט מיר אַליין געפינען זיך איז שטענדיק פאַראַן אַ „יענע זייט פראָנט"), ווייל מיר האַלטן, אַז די זענען שונאים.

פון דאַנען איז שוין דער וועג נישט ווייט צו דעם פונקט ווען איין אַ געגעבענער צייט, ביי געגעבענע אומשטענדן, קומט אויף אַ פירער און באַווייזט, אַז אַ געוויסע גרופּע מענטשן וועמענס פּאָליטישע איבערצייגונגען, אָדער רעליגיע, אָדער לעבנס־שטייגער, זיטן, אָדער דער קאָליר פון זייער הויט, די פאָרם פון זייער נאָז, וואָס עס זאָל נישט זיין, איז אַנדערש פון די פּאָליטישע איבערצייגונגען, אָבער רעליגיע, אָדער לעבנס־שטייגער א.א.וו. פון די וועלכע עס האָט די גרופּע מענטשן, וועמען דער דאָזיקער פירער פילט זיך באַרופן צו רעפּרעזענטירן. אויב ער האָט אַ טאַלאַנט מיטצוריסן זיינע נאָכפאָלגער, אויב ער ווייסט ווי אַזוי צו אַפּעלירן צו דעם חיהשן זעלבסט דערהאַלטונגס־אינסטינקט פון די מאַסן; אויב ער קען באַווייזן זיינע מענטשן אַז זייער עקזיסטענץ אָדער לעבנס־שטייגער איז אויף אַ וועלכן ניט־איז אופן באַדראָט דורך אַנדערע מענטשן, איז זיין נצחון געזיכערט. די מאַסע איז דאַן אים גרייט נאָכצוגייען בלינדערהייט. אויב עס געליגט אים צו פאַרכאַפּן די מאַכט און הערשן איז מער נישטאָ קיין שום שטערונג אין זיין וועג. דער רעזשים, וועלכן ער פירט איין, קען דאַן דערציען אַ נייעם דור וועמענס מאָראַל און ווערטן וועלן געפורעמט ווערן אויף דעם אופן וואָס איז אַממערסטן געוווּנטשן, און די יוגנט, דערצויגענע אויף אַזאַ אופן וועט אַלץ אָננעמען אָן קריטיק, זייענדיק איבערצייגט, אַז זי פאָלגט נאָך די ריכטיקע מאָראַל און די ריכטיקע ווערטן. אַזאַ פּראָצעס איז פאָרגעקומען אויף אונדזערע אויגן אין דעם הויך־ציוויליזירטן דייטשלאַנד, ווו אויף אַ כמעט לעגאַלן וועג, דורך דעמאָקראַטישע וואַלן, איז געקומען צו דער מאַכט דער מערדער פון אונדזער פאָלק. אַזאַ פּראָצעס איז פאָרגעקומען אין סאָוויעט־רוסלאַנד.

פאַשיזם, דיקטאַטור, בעסטיאַליטעט פון מענטש צו מענטש האָט זיך אָנגעהויבן ווען די ערשטע מוראַשקע איז צעטראָטן געוואָרן...

געבליבן דער זעלבער קליינשטעטלדיקער שנײַדער וואָס ער איז געווען אין דער אַלטער היים.

פלוצלונג דערזעט דער ייִד אויפן בעטאָן פאַר זײַנע פיס קריכן אַ מוראַשקע — — אין דער פרי איז זײַן ראיה שטענדיק שאַרפער. „אַט אַ נאַרישע מוראַשקע״, טראַכט ער זיך. „זי קריכט אונטער די פיס ווו זי וועט צעטראָטן ווערן״. בשעת ער טראַכט אַזוי טרעט זײַן פוס אַרויף אויף דעם קליינטשיקן קריכנדיקן קערפערל. דער ייִד האָט אוועקגעשפאַנט ווײַטער לאָזנדיק די מוראַשקע ליגן טויט, אַ צעקוועטשטע.

*

מוראַשקעס ווערן צעטראָטן יעדן טאָג (אפשר אַפילו יעדע מינוט) אומעטום ווו מוראַשקעס און מענטשן וווינען צוזאַמען און קיינעם פאַלט נישט אײַן צוליב דעם צו טרויערן, אַפילו נישט די מוראַשקעס אַליין; זיי פאַרמערן זיך גענוג שנעל גוט־צו־מאַכן די פאַרלוסטן. אויב עס געפינט זיך שוין יאָ איינער וואָס באַקומט געוויסנס־ביסן, צוליבן צעטרעטן אַ מוראַשקע, ווייסט מען באַלד, אַז יענער איז נישט אין אָרדענונג אין „אויבערשטן קעסטל״ און מען שיקט אים גלײַך צו אַ פסיכיאַטאָר. און דאָך איז אַזאַ באַדײַטונגסלאָזע פאַסירונג, אויף וועלכער מען לייגט נישט קיין אַכט, אַ סימן פון אַ וויכטיקן פראָצעס וואָס גייט אָן אין דער גאַנצער באַלעבטער וועלט.

אין דער חיהישער וועלט איז „דאָס געזעץ פון דזשונגל״, דער שטאַרקערער עסט דעם שוואַכערן, אַ נאָרמאַלע און דעם לעבנס־ציקל רעגולירנדיקע דערשײַנונג; אַנדערש וואָלט זייער וועלט נישט געקענט עקזיסטירן. אין דער מענטשן־וועלט איז עס אָבער אַנדערש. מיר אונטערשיידן זיך פון חיות מיט דעם וואָס מיר פאַרמאָגן די פעאיקייט לאָגיש צו טראַכטן. וואָס ווײַטער אין אונדזער ביאָלאָגישער עוואָלוציע און קולטור־אַנטוויקלונג, ווערט אונדזער באַוווּסטזײַן אַלץ ראַפינירטער און מער פילבאַר צו סטימולן וואָס קומען אַהין אַריין פון דרויסן. עס איז געווען אין אונדזער קולטור־געשיכטע אַ פעריאָד ווען נישט נאָר מיר האָבן זיך געיאָגט נאָך חיות און זיי געהרגעט, נאָר אַפילו פראַקטיצירט קאַניבאַליזם. הײַנט איז אַזאַ זאַך אוממעגלעך: אונדזער געוויסן וואָלט נישט אויסגעהאַלטן. די חיות, וועמענס פלייש שטעלן צו די נויטיקע פראָטעאינען פאַר אונדזער אָרגאַניזם, ווערן געקוילעט אויף אַ כמעט־מעכאַניזירטן אופן ווו די ספעציעל אויסגעשולטע אַרבעטער לייגן דערצו נישט צו קיין האַנט. עס ווערט דערלאַנגט צו אונדזערע טישן עלעגאַנט און עסטעטיש צוגעגרייט, מערסטנס גאַרנירט מיט ירקות.

איך גלויב אַז עס וועט נאָך קומען אַ צײַט — און אפשר איז זי שוין גאָר נאָענט — ווען די פילבאַרקייט פון אונדזער געוויסן וועט אונדז בכלל נישט דערלויבן צו עסן פלייש פון חיות; די גאַנצע מענטשהייט וועט זײַן וועגעטעריאַניש, אָבער דערווײַל איז דאָס נאָך נישט רעאַל און צו אונדזער טעמע האָבן אַזעלכע ספעקולאַציעס נישט קיין שײַכות. דערווײַל, ווי פאַרגעשריטן דער מענטש זאָל נישט זײַן אין אונדזער אַטאָמישער עפאָכע, האָט ער נאָך אַלץ חיהש־ביאָלאָגישע באַדערפענישן. אין דעם ליגט דעם מענטשנס דילעמע: ווי אַזוי צו באַרעכטיקן די באַפרידיקונג פון די דאָזיקע באַדערפענישן פאַר זײַן היפער־סענסיטיוון געוויסן. אין דעם עוואָלוציאָנערן פראָצעס פון אונדזער אַנטוויקלונג האָט זיך, צוזאַמען מיט דער אויסקריסטאַליזירונג פון דעם באַוווּסטזײַן, אַנטוויקלט אַ ספעציעלער מעכאַניזם וואָס לייזט די דאָזיקע דילעמע אויטאָמאַטיש. ערגעץ אין אַ פאַרבאָרגן ווינקל פון דעם מוח, דעם זיץ־אָרט פון באַוווּסטזײַן, געוויסן און געפילן, ווערן יעדע מינוט, נײַן, יעדע סעקונדע פון אונדזער לעבן געמאַכט אָפקלײַבן, אָפשאַצונגען, דעציזיעס. מיר גיבן זיך נישט אָפ קיין חשבון פון דעם דאָזיקן פראָצעס, אָבער אַפילו קלײנע האַנדלונגען אונדזערע, לגמרי אומבאַדײַטנדע, זענען באַשטימט און קאָנטראָלירט דורך דעם דאָזיקן אַפאַראַט. דאָרט ווערט באַשלאָסן, אַז מחמת די מוראַשקע דערפילט ניט קיין שום פאָזיטיווע ראָל אין אונדזער לעבן איז זי ניט נוצלעך און איר לעבן איז בכלל ציללאָז (פון אונדזער שטאַנדפונקט), און אויב איר ביטערער מזל פירט זי אונטער אונדזערע פיס, ווען מיר שפאַצירן אָדער אײַלן זיך ערגעצוו אין אונדזערע אויסערגעוויינלעך וויכטיקע ענינים, איז קיינעמס שולד נישט, אחוץ אפשר דער מוראַשקעס גופא, וואָס איר אָרעם לעבן וועט זיך ענדיקן אונטער דער זויל פון אונדזער שוך; און אויב מוראַשקעס האָבן נאָך די חוצפה זיך צו באַווײַזן מחנותוויז אין אונדזערע היימען, דאַן פראָקלאַמירן מיר אַז זייער מין איז אַ פעסט וואָס מוז אָן אַ פאַרדאַכט אויסגעראָטן ווערן מיט די שאַרפסטע מיטלען.

די זעלבע באַרעכטיקונג נוצן מיר ווען מיר באַשטימען אַז די בלומען אין אונדזער גאָרטן זענען נוצלעך, ווײַל זיי דערפרייען אונדזער אויג און דעריבער דאַרפן זיי וואַקסן און געפלעגט ווערן, בשעת די אַנדערע פלאַנצן וועלכע געפעלן אונדז נישט אָדער זענען אַ שטערונג פאַר די דורך אונדז פאַוואָריזירטע בלומען זענען „ווילדגראָזן״, „פעסט״, און דאַרפן אַרויסגעריסן ווערן פון אונדזער גאָרטן און פאַרניכטעט ווערן אַזוי אַז אַפילו זייערע זוימען זאָלן פאַרשווינדן פון דער טיפעניש פון דער ערד, און מער נישט קענען געדײַען. וועגן די מיליאָנען מיקראָ־אָרגאַניזמען, וועלכע מיר פאַרניכטן בײַם אײַנאָטעמען און אַרויסאָטעמען יעדן טאָג, אפשר יעדע מינוט, קלערן מיר אַפילו נישט.

ווי וואָלט דען געקענט זײַן אַנדערש? ווי אַזוי וואָלט אונדזער לעבנס־שטייגער, די עצם־עקזיסטענץ אונדזערע, געווען בכלל מעגלעך ווען מיר זאָלן נישט פאַרניכטן די אַלע פעסטן וואָס שטעלן מיט זיך פאָר אַ סכנה? דער זעלבסטדערהאַלטונגס־אינסטינקט וואָס באַוועקט די גאַנצע באַלעבטע וועלט — מענטשן, חיות, פלאַנצן — פירט אָדער, ריכטיקער, איז גורם דעם אויבן־דערמאָנטן אָפשאַצונגס־פראָצעס אין אונדזער מוח. טראָץ אונדזער אויסערגעוויינלעך פאַרגעשריטענער טעכנאָלאָגיע זענען מיר נאָך אַלץ נישט אימשטאַנד צו פאַרטרעטן דעם דאָזיקן אינסטינקט. ער איז דאָס דער, וועלכער זאָגט אונדז אונטער די באַרעכטיקונגען. אָבער די אָפשאַצונג וועלכע מיר מאַכן אין פאַל פון דער קליינטשינקער מוראַשקע איז אַ שפרינג־

י. קאַפּע

# עס האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ מוראַשקע...

אַ יונג מיידל שפּאַצירט לענג־אויס אַ בליענדיקער גאָרטן־אַליע. דאָס מיידל אַליין איז אויך בליענדיק. אירע היפּטן וויגן זיך ריטמיש מיט איר גאַנג, און דער פרילינג־ווינט צעבלאָזט אירע לאַנגע, בלאָנדע האָר. ער איז אַ שטיפער, אָט דער ווינט, ער בלאָזט אַרונטער איר לייכט קליידל, גלעטנדיק אָנגענעם אירע הויכע פיס. זי קלערט הויך:

„האָט ער ליב מיך צי גלאָריאַ?“

אָט דאַכט זיך איר, זי איז כמעט זיכער, אַז דער הויכער, בלוי־אויגיקער, אויף גאָלדיק־ברוין אָפּגעברענטער, בלאָנדער, יונגער דזשאָן האָט זי ליב, און אָט פאַרלירט זי די דאָזיקע זיכערקייט און צוויפלט, דערמאָנענדיק זיך געוויסע סיטואַציעס ווען זי, דזשאָן און זייער חברטע גלאָריאַ האָבן פאַרבראַכט צוזאַמען.

מיט אַ מאָל דערזעט זשאַנעט אַ מוראַשקע קריכן אויף דער ערד. מאַכט זי מיט זיך אַ געוועט: וועט זי, די מוראַשקע, באַוויזן צו אַנטלויפן; איז דעם קליינטשיקנס באַשפּענישלס גליק אָדער דעם מיידלס אומגליק. ווייל דאָס וועט זיין דער סימן אַז דזשאָן האָט, צום באַדויערן, ליב גלאָריאַן; וועט אָבער די מוראַשקע נישט זיין גענוג שנעל און צעטראָטן ווערן אונטער איר, זשאַנעטס, לייכטן פוס איז דעם מיידלס מזל. ווייל עס וועט באַדייטן אַז זי איז עס די גליקלעכע און האָט דזשאָנס ליבע.

קיינער וועט נישט באַשולדיקן זשאַנעטן אין סאַדיסטישע נייגונגען. פאַרקערט: זי האָט זייער ליב חיות; נישט איינמאָל האָלדזט זי און קושט דאָס טשוואַלאַ הינטעלע ביי זיך אין שטוב. דאָס געוועט איז סימבאָליש: דער אויסגאַנג וועט באַשטימען איר גורל...

זשאַנעט באַמיט זיך צו שטעלן די טריט גלייכמעסיק, נישט שנעלער און נישט לאַנגזאַמער, כדי צו זיין יושרדיק צו איר חברטע גלאָריאַ. די דאָזיקע אייגנשאַפט, יושר, האָט זי איינגעזאַפּט זויגנדיק איר מאַמעס מילך, עס איז אַ פאָלקס־טראַדיציע. ספּעציעל איז דער פּרינציפּ פון יושר חל אין געוועטן. צום ביישפּיל, ביי פערד־געיעגן ווערן די שאַנסן פון די שוואַכערע פערד אויסגעגליכט מיט די שאַנסן פון די שטאַרקערע פערד דורך אַרויפלייגן אויף די לעצטע צוגאָב־משא. בכלל איז דאָס געוועטן זיך אַ נאַציאָנאַלער קולט. אַלע פעלקער האָבן זיך ליב צו געוועטן, אַ חוץ ייִדן, וועלכע טוען דאָס נישט צוליב געלט, נאָר צוליב זייערע נאַרישע אַמביציעס.

זשאַנעטס לייכטער פוס האָט צעטראָטן די מוראַשקע, וועלכע האָט געהאַט דאָס ביטערע מזל גראָדע אין דעם מאָמענט ווען דער פוס איז אויף איר אַרויפגעטראָטן, זיך צו געפינען אויף אַ שטיינדל. אויב זי וואָלט אין יענעם מאָמענט געקראָכן צווישן די זאַמדעלעך וואָלט זי אפשר ניצול געוואָרן. ווען דער פוס האָט זיך אויפגעהויבן צו שטעלן אַ ווייטערדיקן טראָט האָט דער מוראַשקעס קערפּערל זיך צונויפגעדרייט אין אַ לעצטער קאָנוולסיע און אָפּגעגעבן (צו גאָט, אָדער צו דער נאַטור) איר קליינטשיק נשמהלע. טראָץ איר פרייד צוליבן נצחון איז זשאַנעטס געוויסן נישט געווען רויִק: דאָס מיידל האָט פאַרדעכטיקט, אַז, נישט־ווילנדיק האָט זי דעם לעצטן טראָט געשטעלט אַ ביסעלע צו שנעל, אַזוי אַרום איבערוויגנדיק דאָס מזל אויף איר זייט און ניט געבנדיק אַ גלייכן שאַנס איר בעסטער חברטע גלאָריאַ.

★

אין דעם גערטנדל הינטער זיין הויז שפּאַצירט זיך אין דער פרי אַ ייִד, היפּש איבער מיטלעלטער. ער איז שוין „רעטייערט“ פון „ביזנעס“. דער דאָקטער האָט אים אָנגעזאָגט צו גיין יעדן אין דער פרי, כדי צו האָבן אַ גוטן מאָגן. אויך האָט אים דער דאָקטער פאַרבאָטן צו זאָרגן זיך, ווייל דאָס איז נישט גוט פאַר די נערוון; ער מוז זיין „רעלעקסט“. אָבער, קענען זיין ווילן, קומען דעם ייִד אויפן זינען געדאַנקען און דערינערונגען וואָס מאַכן אים אַן פאַרדרוס. עס דערמאָנען זיך אים זאַכן פון די ערשטע יאָרן פון זיין קומען אַהער אין דעם לאַנד אריין, אין וועלכן ער וווינט שוין כמעט אַ העלפט פון זיין לעבן. וואָלט אים מאַרי צוגענומען אַלס שותף צו די „ביזנעס“ וואָס יענער האָט דאַן אָנגעהויבן, וואָלט ער, יצחק, געווען איצט פּונקט אַזאַ „צעלייגער“ ווי די אַנדערע „אַל־רייטניקעס“. עס איז אים געקומען אַז מאַרי זאָל אים אַריינגעמען אין שותפות: זענען זיי דען נישט געווען אַ מאָל די בעסטע פריינד? ווען זיי האָבן זיך ביידע אין מלחמה־צייט אַרומגעוואַלגערט אין רוסלאַנד, נאַקעט, באָרוועס און הונגעריק, האָט ער זיך געטיילט מיט משהן — דאַן איז ער נאָך געווען פּשוט, משה — מיט יעדן ביסן ברויט. ווי אַ מענטש קען זיך ענדערן! דאָס געלט האָט אים געשלאָגן אין קאָפּ אַריין. שוין יאָרן ווי זיי רעדן נישט איינער צום צווייטן; ווען די טרעפן זיך אויף אַ שמחה מאַכן זיי זיך נישט זען איינער דעם אַנדערן. יענער וואָלט מסתמא געוואָלט זיך איבערבעטן, אָבער ער, יצחק, וויל נישט. ער איז טאַקע נישט קיין גביר, אָבער אַמביציע האָט ער.

אומבאַמערקטערהייט לויפן אַזוי די געדאַנקען ביי דעם ייִד ביז ער דערמאָנט זיך, אַז ער טאָר זיך נישט „גריזשען“ און ער נעמט זיך טרייסטן: אַ גרויסער חכם קען ער זיין, מאַרי, אַז ער האָט אַ ווייב מיט אַ מענערישן קאָפּ אויף די אַקסלען וואָס גיט אים גוטע סוחרישע עצות. און אַ חוץ אַלעם האָט אים נאָך דאָס מזל אויך צוגעשפּילט. ער, יצחק, וואָלט געקענט אויפטאָן פּונקט דאָס זעלבע, ווען ער וואָלט נאָר געהאַט דעם „טשענס“! אָבער אַ „זלודנע“ שטימע, וועלכע יצחק באַמיט זיך איינצושטילן, זאָגט אים אונטער אַז ער פּרוּווט זיך אַליין נאַרן. אין דער אמתן ווייסט ער, אַז עס איז נישט בלויז מזל: מאַרי איז טאַקע פּעאיק צו ביזנעס; ער האָט אַ „פאַרנעם“; ער האָט נישט מורא צו ריזיקירן, בשעת ער, יצחק, איז

פון דעם שאדן, וואס זייער אומבאוווסטזיניקע פאליטיק ברענגט פאר דער גאנצער דעמאקראטישער וועלט.

וואס שייך אונדזערע היינטיקע אינטעלעקטואלן, און זייער פאראנטווארטלעכקייט לגבי דער מענטשהייט, איז כדאי צו ברענגען די ווערטער פון באקאנטן איטאליענישן אנגעזעענעם שרייבער איגנאציא סילאנע, א פריערדיקער קאמוניסט און שפעטערדיקער סאציאליסט. אויף דעם קאנגרעס פון פ.ע.נ. קלוב אין יאר 1947, אין באזעל, האט ער צווו. אנד. געזאגט:

„אינטעלעקטואלן אלס קלאס האבן נישט קיין גרונט צו טראכטן, אז די האבן אין די לעצטע יארן זיך אויפגעפירט אויף א מוסטערהאפטן אופן; ס'איז אויך נישט פאראן קיין שום סיבה אנצונעמען זייערע איינרעדענישן ווי א פירנדיקער כוח אין דער עפנטלעכער מיינונג. עס איז אן צווייפל געפערלעך און שווער צו רעדן וועגן דער עקזיסטענץ פון א מאראלישער עליטע אין א וועלכן ס'איז לאנד; און אוודאי וואלט געווען א גרויסע געפאר זיי צו פארגלייכן צו אן אינטעלעקטועלער עליטע".

## ווער האט מורא פאר דער אטאם־באמבע?

איך זאג עס אפן און דרייסט: איך האב נישט קיין מורא פאר דער אטאם־באמבע! מיך און מיין פאמיליע און טויזנטער ידישע פליטים, און מיליאנען כינעזער, יאפאנער און אמעריקאנער זענען געראטעוועט געווארן א דאנק דער אטאם־באמבע וואס אמעריקע האט געווארפן אויף הירָאשימא און נאגאסאקי אין אויגוסט 1945.

די צווייטע וועלט־מלחמה האב איך איבערגעלעבט אין שאנכייער געטא. איך וועל נישט דערציילן וואס מיר האבן דארט איבערגעלעבט, ווייל דאס איז איצט נישט וויכטיק. אבער מיר האבן געזען ווי אזוי די יאפאנער האבן זיך געגרייט צו פארטיידיקן שאנכיי און זייער אייגן לאנד יאפאן. די שטארקע באמבארדירונגען פון די אמעריקאנער עראפלאנען האבן נישט באוויזן (און וואלטן קיין מאל נישט באוויזן) צו ברעכן די מאראל פון די פאנאטיש־פאטריאטישע יאפאנישע זעלנער. די אמעריקאנער האבן פאר יעדן נצחון איבער די יאפאנער — שוין נאך דעם ווי די מלחמה אין אייראפע איז געווען געענדיקט — געמוזט באצאלן מיט הונדערטער טויזנטער געהרגעטע. ביים פארנעמען דעם אינדזל אקינאווא האבן זיי אוועקגעלייגט 95,000 זעלנער! יעדער שפאן פון ערד און וואסער איז דעראבערט געווארן פארן פרייז פון טויזנטער געהרגעטע אמעריקאנער (און, פארשטייט זיך, אויך יאפאנער). און אט איז געשען דער נס — די אמעריקאנער האבן דערפונדן (א ביסל צו שפעט פאר אונדז ידן) די אטאם־באמבע. דעם 6־טן אויגוסט איז געפאלן די ערשטע באמבע אויף הירָאשימא און דעם 9־טן — אויף נאגאסאקי, און — די מלחמה איז געווען געענדיקט. דער שטאלצער מיקאדא האט איצט דערזען, אז דער ווייטערדיקער קאמף איז צוועקלאז און ער האט קאפיטולירט.

וואס פאר א טראגעדיע איז דא געשען, וואס אונדזערע כלומרשטע ראדיקאלן באוויינען אזוי שטארק די קרבנות פון הירָאשימא און נאגאסאקי? עס האבן גאדארפט געהרגעט ווערן נאך מער אמעריקאנער סאלדאטן, און אויך יאפאנישע זעלנער און ציווילע (און אויך איך מיט מיין פאמיליע)? יא, איך און מיינע ידן, און די כינעזער, וועלכע האבן געלעבט אונטער דער יאפאנישער אקופאציע, וואלטן אן דער אטאם־באמבע דעמאלט נישט איבערגעלעבט די שווערע פארפעסטיקטע בונקערס, וועלכע די זעלבסטמערדערישע יאפאנישע זעלנער האבן אויפגעבויט אין און ארום שאנכיי, און געוויס אויך אין יאפאן. איז פאר וואס דארף איך קלאגן דווקא אויף די געהרגעטע אין הירָאשימא און נישט באוויינען די אמעריקאנער, וועלכע האבן אוועקגעגעבן זייערע לעבנס כדי איך זאל בלייבן לעבן?

און וואס איז מכוח אונדזערע ברידער און שוועסטער אין דער דייטש־אקופירטער אייראפע. זענען זיי נישט אומגעקומען אויף א מערדערישן אופן אן דער אטאם־באמבע? איך וואג צו זאגן, אז וואלטן די דעמאקראטישע מלוכות דעמאלט געהאט די אטאם־באמבע, וואלט צו אונדזער גרויסן אומגליק נישט געקומען. אונדזערע דעמאלטדיקע קרבנות וואלטן געווען פיל קלענער ווי זיי זענען געווען מיט די „קאנווענציאנעלע" באוואפענונגען אין די הענט פון משוגענע מערדער און פסיכאפאטן.

צו אונדזערע כלומרשטע ראדיקאלן און שלום־זוכערס זאגן מיר: פועלט איר ביי אנדראפאוו ער זאל אפשטעלן דאס וואפן־געיעג און עס וועט זיין שלום אויף דער וועלט. פון דער זייט פון די דעמאקראטישע מלוכות דראט אונדז נישט קיין געפאר. זיי האבן ביז איצט נישט אנגעהויבן קיין מלחמות, זיי האבן נישט פארכאפט קיין אנדערע לענדער, זיי האבן נישט אונטערָאכט קיין פרעמדע פעלקער און זיי וועלן עס אויך ווייטער נישט טאן. נאר דיקטאטארישע מלוכות, רעכטע אדער כלומרשט לינקע, האבן פראוואצירט און רופן ארויס מלחמות. די אנטי־נוקלעארע פראפאגאנדע איז א ליגנערישע און פאלשע און ערלעכע פרייהייט־ליבנדיקע מענטשן דארפן זיך היטן פאר די פאלשע נביאים וועלכע ריגלען אונדז ארום.

## פארבאנד פון די ידישע שולן

צוליב די פארשטייענדיקע ענדערונגען ביים צוטיילן סובסידיעס פאר אומאפהענגיקע שולן (נישט מלוכישע) האבן די ידישע טאג־שולן אין אויסטראליע זיך פאראייניקט אין א פארבאנד, וועלכער וועט די שולן רעפרעזענטירן לגבי דער רעגירונג.

אין פארבאנד פון וויקטאריע זענען אנגעשלאסן 9 ידישע טאג־שולן.

פארזיצער פון פארבאנד איז אדוואקאט ארנאלד בלאך.

די געשעענישן האָבן זיך אַנטוויקלט אין דער לאָגישער ריכטונג: די עסטרײַכישע סאָציאַליסטן זענען געווען אײַנשטימיק מיט זײַערע דײַטשע חברים און די רוסישע סאָציאַליסטן (ווײַט נישט אַלע, אָבער א טײל יאָ) האָבן אויך זיך געשטעלט אויפן שטאַנדפּונקט פון פאָטערלאַנד פאַרטיידיקונג. אַפילו אין „בונד" זענען געווען אַ טײל וועלכע האָבן זיך געשטעלט אויף דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט, הגם מען קען ריכטיק פרעגן וואָס פאַר אַ פאָטערלאַנד איז געווען פאַר די סאַמע אינטערנאַציאָנאַליסטיש געשטימטע יידישע סאָציאַליסטן דאָס צאַרישע רוסלאַנד? אײנער פון די דאַן פירנדיקע אַזוי גערופענע „אָבאָראָנצעס" איז געווען דער שפּעטער געוואָרענער קאָמוניסט משה ראַפּעס. זײַן סוף פון די קאָמוניסטישע הענט איז טרויעריק באַקאַנט.

★

קומען מיר צו דער איצטיקער אַנטי־נוקלעאַר קאַמפּאַניע. די אַקציע איז נישט קײן נײַע, זי איז נישט פאַרטראַכט געוואָרן אַצינד דורך די וואָס ציען דאָס שטריקל הינטער דער איצטיקער קאַמפּאַניע.

גלײַך ווי ס'איז אַנטשטאַנען די ראַטן־מאַכט אין רוסלאַנד, אין 1917, און דער באָלשעוויזם איז איבערגעקומען — נאָך שרעקלעכע קרבנות — דעם בירגער־קריג, האָט די סאָוויעטן־רעגירונג געוואָרפן דעם לאָזונג: די הענט אַוועק פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד! נישט בלויז קאָמוניסטן, נאָר אויך פיל סאָציאַליסטן אין אַנדערע לענדער האָבן אונטערגעשטיצט די דאָזיקע אידיי. די באָלשעוויקעס האָבן כסדר געשריגן, אַז די בורזשואַזע וועלט וויל זײ אומברענגען, אָבער אין דער שטיל האָבן זײ געגרייט די מלחמה קעגן די אַנדערע לענדער אין אײראָפּע. אין 1923 האָבן זײ געשלאָסן דעם אַזוי גערופענעם ראַפּאַלאָ־אָפּמאַך מיט דער דײַטשער רײַכסווער, וועלכער האָט דערמעגלעכט דײַטשלאַנד אָפּצונאַרן די מערב־מלוכות און די דעמאָקראַטישע פעלקער־ליגע. אין 1933 האָט דײַטשלאַנד, שוין אונטער היטלערס פירונג, באַנײַט דעם אָפּמאַך מיט דעם „רעוואָלוציאָנערן" רוסלאַנד. מיט זעקס יאָר שפּעטער איז געקומען דער סטאַלין־היטלער פּאַקט, וועלכער האָט דערמעגלעכט היטלערן אָנצוהײבן די טרויעריקע פאַר אונדז ייִדן, און דער גאַנצער וועלט, צווייטע וועלט־מלחמה.

מיר זעען אַלזאָ, אַז נישט די מערב־מלוכות האָבן אָנגעהויבן די מלחמה קעגן סאָוויעט־רוסלאַנד, טראָץ טשעמבערלענס טרויעריקן אָפּמאַך אין מינכען, נאָר דאָס האָט רוסלאַנד געגעבן היטלערן די געלעגנהייט אָנצוהײבן די מלחמה קעגן פּוילן און שפּעטער קעגן פראַנקרײַך, ענגלאַנד און די אַנדערע אײראָפּעאישע מלוכות.

אָבער נאָך פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, נאָך אין מיטן די דרײַסיקער יאָרן, האָט דער קאָמינטערן אָפּקאָמאַנדירט זײַנע אַגענטן אין דער מערב־וועלט, כדי צו אָרגאַניזירן די דאַן באַרימטע "שלום־קאָנגרעסן". דער ערשטער וואָס האָט געטאָן אָט די אָפּנאַרערישע אַרבעט איז געווען דער דײַטשער קאָמוניסט ווילי מינצענבערג, וועלכן די אויסלענדישע נ.ק.וו.ד. האָט שפּעטער דערמאָרדעט.

נאָך דעם ווי רוסלאַנד איז אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, (נישט ווײַל סטאַלין האָט דאָס געוואָלט, ער האָט געטרײַ אָפּגעהיטן דעם שענדלעכן אָפּמאַך מיט היטלערן), נאָר ווײַל זײַן כלומרשטער פרײַנד היטלער האָט אים דער ערשטער פאַרראַטן, האָט דאָס רוסישע פאָלק באַדאַרפט באַצאָלן אַ טײַערן פרײַז פאַר סטאַלינס פאַררעטערישער פּאָליטיק לגבי דער דעמאָקראַטישער וועלט. ענגלאַנד און אַמעריקע האָבן געטרײַ און ערלעך דערפילט זײַערע פליכטן, קעמפנדיק צו באַגראָבן נאַצי־דײַטשלאַנד.

מען האָט געקענט האָפן, אַז די וועלט איז אַרײַן אין אַ נײַער עפּאָכע — אַ צײַט פון שלום צווישן די פעלקער און אויפבוי פון אַ פּראָספּערירנדיקער פרײַער וועלט. אָבער נײן, די וועלט האָט נאָך נישט באַוויזן צו קומען צו זיך נאָך דער בלוטיקער צווייטער וועלט־מלחמה און שוין איז אויסגעבראָכן דער „קאַלטער קריג". סאָוויעט־רוסלאַנד האָט מיט שווינדלערישע מיטלען פאַרכאַפּט די מזרח־אײראָפּעאישע לענדער און דאַן האָט מען ווידער אָנגעהויבן צו רופן „שלום־קאָנגרעסן". די אָפּנאַרעריי איז אָנגעגאַנגען אַ ריי יאָרן און אין צווישנצײַט האָט מען אונטערדריקט מיט טאַנקען די פאַרצווייפלטע פּרוּוון פון די אונטערדריקטע פעלקער — מזרח־דײַטשלאַנד, פּוילן, אונגאַרן, טשעכיע — צו באַפרײַען זיך פון קאָמוניסטישן יאָך.

ווען דער שווינדל מיט די „שלום־קאָנגרעסן" איז געוואָרן דעמאַסקירט, האָט מען געוואָרפן א נײַעם לאָזונג: אַנטי־אַטאָמישע אַנטוואָפענונג! מען מעג אויפבויען פאַר זיך דעם שטאַרקסטן אונטערוואַסער־פלאָט, פאַרפולקאָמענען די „קאָנווענציאָנעלע" באַוואָפענונגען און דעם אײגענעם אַטאָמישן אַרסענאַל, וועלכן זײ האָבן פאַראַנדערגעבויט מיט דער הילף פון די שפּיאָנען אין ענגלאַנד און אַמעריקע, וועלכע האָבן דאָרט גראַסירט כמעט אומגעשטערט. רוסלאַנד פירט כסדר אונטערהאַנדלונגען מיט אַמעריקע וועגן אַנטוואָפענונג און וואָס לענגער אָט די קאָנפערענצן קומען פאָר — אַלץ שטאַרקער ווערט סאָוויעט־רוסלאַנד אָקעגנאיבער די מערב־מלוכות. אָבער ענגלאַנד, און דער עיקר אַמעריקע, דאַרפן זיך אַנטוואָפענען — אַזוי פּסקענען די אַלערלײ כלומרשטע פּאַציפיסטן, וועלכע האָבן אין די פריערדיקע יאָרן זיך געלאָזן אָפּנאַרן מיט די „שלום־קאָנגרעסן" און איצט שווינדלט מען מיט די אַנטי־נוקלעאַרע קאָנגרעסן.

עס וועלן זיך שטענדיק געפינען נאַאיווע, און אפשר גאָר נישט אַזעלכע נאַאיווע, פּאָליטיקער, מלוכה־מענער, אינטעלעקטואַלן — אמתע און פאַלשע — וועלכע גייען אויף דער האַנט פון דער היפּאָקריטישער סאָוויעטישער פּראָפּאַגאַנדע. עס פעלן אַרײַן אין אָט דער נעץ נישט נאָר ראַפינירטע קאָמוניסטישע שפּיאָנען, נאָר אויך ערלעכע סאָציאַליסטן און רעליגיעזע פירער, וועלכע ווילן גאָר נישט קײן קאָמוניסטישע הערשאַפט איבער דער וועלט. אָבער אָט די מענטשן גיבן זיך נישט אָפּ קײן רעכענונג

האַבנדיק, אַז די טעראָר־אַקציעס קאָנען גורם זיין אַ מיליטערישן קאָנפליקט.

אָבער אין דער איצטיקער סיטואַציע האָט דער סירישער פּרעזידענט כאַפעז אַסאַד דערשפּירט, אַז ער קאָן זיך דערלויבן צו שאַפן אַ געשפּאַנטע לאַגע. מיליטערישע מאַנעווורעס אויפן שטייגער ווי אין 1973 פאַר דער יום־כּיפּור מלחמה און טעראָר־אַקציעס אויף דער ישראל ליניע, וואָס פאַראורזאַכן ממש טעגלעכע קרבנות. ס׳איז אַן אויסמאַטערונגס־מלחמה. אַסאַד האָט דערשפּירט, אַז איצט קאָן ער ריזיקירן.

פאַרוואָס איצט? אין זיין שמועס מיט דזשאָרדזש שולץ האָט אַסאַד באַמערקט: „אין דער איצטיקער פּאָליטישער שטימונג אין ישראל וועט די ישראל־רעגירונג נישט וואַגן זיך אַריינצולאָזן אין אַ מיליטערישן קאָנפליקט מיט סיריע“...

דאָס איז פּאַקטיש דער טרויעריקער סך־הכּל פון דער לבנון־מלחמה. די אַנטי־מלחמה פּראָפּאַגאַנדע (פאַרן אינערלעכן פּאָליטישן געברויך) האָט געשאַפן אַ פּאָליטישע שטימונג פון וועלכע אַסאַד לערנט, אַז ער קאָן ריזיקירן און אין דעם באַשטייט אַ געפאַר פאַר אַ מיסקאַלקולאַציע.

עס איז צו פאַרשטיין די געדריקטע שטימונג פון דער באַפעלקערונג צוליב די גרויסע צאָל קרבנות. אָבער אַפילו די סיני־קאַמפּיין פון 1956, וואָס האָט געדויערט קוים אַכט טעג (אויף אַ נישט באַפעלקערטן שטח) איז באַצאָלט געוואָרן מיט קרבנות. אַן ערך צוויי הונדערט דערהרגעטע און זעקס־הונדערט פאַרווונדעטע (פון אַ באַפעלקערונג וויניקער ווי אַ מיליאָן ייִדן). אין אַ גאַנץ קורצער צייט האָט אייזענהויער געצוווּנגען ישראל זיך טאָטאַל צוריקציִען. קיינער האָט נישט פאָרגעוואָרפן בן־גוריונען, אַז די מלחמה איז געווען אַן „אַוואַנטורע“, „ס׳האָט נישט געלוינט“, „אומזיסטע קרבנות“...

די ייִדישע מדינה האָט זיך געגרינדעט אין אַ פיינטלעכער אַראַבישער וועלט, וואָס חלומט נאָך אַלץ אויף אומצוברענגען די מדינה און דעם ישוב. דער שלום מיט אַלע אַראַבישע לענדער קאָן דערגרייכט ווערן נאָר שטופנווייז.

שלום עכשיו? אדרבא. הלוואי! אָבער מיט וועמען? מיט אַראַפאַט, דזשאָרדזש כאַבאַש, אבו נידאַל אָדער אַסאַד?

דער לבנון־סך־הכּל טראָגט אין זיך אַן ערנסטע וואָרנונג. די פאַרטיידיקונג פון דער מדינה, די ייִדישע אַרמיי וואָס באַשיצט דאָס לאַנד און פאָלק טאָר נישט ווערן אַ פּאָליטישער פוטבאָל פאַרן אינערלעכן געברויך.

**פאַרן אינהאַלט פון די אַרטיקלען**
**זענען פאַראַנטוואָרטלעך**
**די מחברים גופא.**

הערשל באַכראַך

# די אַטאָם־באָמבע האָט מיך געראַטעוועט...

אין די לענדער פון דער פרייער וועלט גייט אָן אַ קאַמפּאַניע אונטערן לאָזונג „אָפּשאַפן די נוקלעאַרע באַוואָפענונג!“

אויבנאויפיק קען זיך דאַכטן, אַז דאָס איז זייער אַ נאָבעלע אויפגאַבע. ווער קען דאָס זיין פאַר אַ מין סאָרט באַוואָפענונג, וואָס קען אין בלויז מינוטן אומברענגען טויזנטער אָדער מיליאָנען מענטשן און שטעט?

אין דער אמתן איז דער ענין נישט אַזוי פּשוט. דעם פּראָבלעם מוזן מיר באַטראַכטן אין שייכות מיט דעם אַלגעמיינעם פּרינציפּ פון פּאַציפיזם וועלכער ווערט געפּרייזט פון סאָציאַליסטן און דעמאָקראַטן אומעטום. די אידיי פון אויסמיידן מלחמות איז געוויס אַ גוטע אידיי — דאָס פּראָבלעם הויבט זיך אָן ווען עס קומט צו דער אַנווענדונג פון דעם פּרינציפּ אין ווירקלעכן לעבן.

פּאַציפיזם, אָדער דער קאַמף קעגן באַוואָפענונג, איז אין פּרינציפּ ריכטיק ווען ער קען אָנגעווענדט ווערן גלייכצייטיק אין אַלע מלוכות, ווען די רעגירונגען פון די פּאָטענציעלע שונאים, אָדער כלומרשטע שונאים, וועלן קעגנזייטיק אָרויסווייזן גוטן ווילן אויסצומיידן מלחמות. פּאַציפיזם אויף איין זייט פון דער באַריקאַדע איז נאַציאָנאַלער פאַרראַט לגבי דעם אייגענעם לאַנד, ווייל עס דערמעגלעכט צו אַנטוואָפענען איין לאַנד אַנטקעגן דעם אַנדערן.

דער ערשטער קרבן פון אויפריכטיקן פּאַציפיזם איז געווען דער באַקאַנטער פירער פון די פראַנצויזישע סאָציאַליסטן, זשאַן זשאָרעס, וועלכער האָט אין 1914, פאַרן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, מוטיק גערופן די פראַנצויזישע אַרבעטער זיך אַנטקעגנצושטעלן די אָנקומענדיקע מלחמה וואָס איז דאַן געהאַנגען איבער אייראָפּע. אַ פראַנצויזישער נאַציאָנאַליסט האָט אויסגעפירט אַן אַטענטאַט אויף אים און זשאָרעס איז געוואָרן דער פאַרהייליקטער קרבן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

אויף דער צווייטער זייט באַריקאַדע, אין דייטשלאַנד, האָבן די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטן נישט געזען פאַר זיך קיין אַנדערן אויסוועג ווי צו שטימען פאַר די מלחמה־קרעדיטן. זיי האָבן עס, אמת, געטאָן מיט אַ שווער האַרץ, אָבער זיי האָבן דאָך נישט געוואַגט זיך אַנטקעגנצושטעלן קייזער ווילהעלמס דראַנג אָנצוהייבן די מלחמה קעגן פראַנקרייך. דער פירער פון די מעסיקע דייטשע סאָציאַליסטן, עדוואַרד בערנשטיין, האָט שטימענדיק פאַר די קריגס־קרעדיטן מיט אַ שווער האַרץ, איז אַרויסגייענדיק פון פּאַרלאַמענט מיט ענטוזיאַזם אויפגענומען געוואָרן דורך די מאַסן פאַרזאַמלטע דייטשן. אָט די מאַסן־באַגריסונג האָט ער באַטראַכט פאַר אַ חרפּה וועלכע ער האָט געמוזט אַראָפּשלינגען.

וואַרשיינלעך געגאַנגען אַזוי ווייט ווי מעגלעך אין דעם דאָזיקן הסכם.

די מיינונגען פון דער ישראל־אָפּאָזיציע, אַז דער אָפּמאַך איז אַ דורכפאַל און איז נישט מער ווי דער וואָפנשטילשטאַנד פון 1949, זענען ביליק און דעמאַגאָגיש מיטן ציל צו פאַרטומלען די עפנטלעכע מיינונג אין ישראל. ווייסן זיי דען נישט, אַז אַ וואָפנשטילשטאַנד איז בלויז אַ מיליטערישע פאַרשטענדיקונג פון צייטווייליקן כאַראַקטער, וואָס פאַרענדיקט נישט דעם מלחמה־צושטאַנד צווישן די צדדים און אַנערקענט ניט די גרענעצן צווישן די מדינות?

נאָך דער באַפרייאונגס־מלחמה האָבן די מיליטערישע פאַרשטייער פון ישראל אונטערגעשריבן א וואָפנשטילשטאַנד מיט די מיליטערישע פאַרשטייער פון מצרים, לבנון און סיריע, אָבער דער מלחמה־צושטאַנד צווישן די אַלע אַראַבישע מדינות פון איין זייט און מדינת ישראל פון דער אַנדערער זייט איז פאַרבליבן.

דער ערשטער דורכברוך איז געקומען אין דעם שלום אָפּמאַך מיט מצרים און דער הסכם מיט לבנון איז דער צווייטער דורכברוך וואָס האָט א סוף געמאַכט צו דעם מלחמה צושטאַנד און אַנערקענט די גרענעצן צווישן די צוויי מדינות אַלס פערמאַנענטע און אומפאַרלעצבאַר.

די טענה, אַז דער „ווערט" פון דעם אָפּמאַך איז צווייפלהאַפט צוליב דער שוואַכקייט פון דער לבנון־רעגירונג איז סתירהדיק, ווייל פון איין זייט קאָן מען דאָך אַנווענדן דעם זעלבן אַרגומענט קעגן אַ פאַרמעלן שלום־אָפּמאַך מיט לבנון, און פון דער אַנדערער טענהן זיי, אַז דער חסרון פון דעם הסכם איז וואָס ער איז נישט קיין פאַרמעלער שלום־אָפּמאַך.

דאָס צוריקציען די ישראל־אַרמיי פון לבנון איז אָפּהענגיק פון דעם גלייכצייטיקן צוריקציען פון די סירישע כוחות און פון דער פ.ל.אָ. וואָס געפינען זיך הינטער דער סירישער ליניע אין צפון־לבנון און אין דעם בעקאַ־טאָל. דאָס שטעלט אונטער אַ פראַגע־צייכן די אויספירונג פון דעם הסכם.

פאַרמעל איז די אַנוועזנהייט פון די סירישע מיליטערישע כוחות אין לבנון באַזירט אויף אַן איינלאַדונג פון דער לבנון־רעגירונג און אויף אַ מאַנדאַט פון דער אַראַבישער ליגע. אין דער ערשטער פאַזע פון דעם בירגערקריג האָט סיריע אַקטיוו און אָפן געהאָלפן דער פ.ל.אָ. און די ראַדיקאַל־לינקע איסלאַמישע עלעמענטן קעגן דער לעגיטימער לבנון־רעגירונג, אָבער ווען די פ.ל.אָ. איז געשטאַנען נאָענט צום פאַרכאַפּן די מאַכט אין לבנון, און עס האָבן זיך אָנגעהויבן די מאַסן־שחיטות פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג, האָט סיריע אָנגעדייט דער רעגירונג, אַז זי איז גרייט „צו ראַטעווען". די מיטגלידער פון דער אַראַבישער ליגע האָבנדיק אַ פאַרדאַכט, אַז סיריע שטרעבט צו אָקופירן לבנון „אויף אייביק", האָבן באַשלאָסן צו שאַפן אַ מין געמיינזאַמען „רעטונגס־כוח". דער טערמין פאַר דעם מאַנדאַט איז שוין אָפּגעלאָפן. די אַנדערע אַראַבישע מדינות האָבן שוין לאַנג צוריקגעצויגן זייערע מיליטערישע כוחות, געבליבן איז סיריע.

ס'איז נויטיק צו דערמאָנען, אַז סיריע האָט קיין מאָל נישט אַנערקענט די סוווערעניטעט פון לבנון. נישט פאַראַן קיין קעגנזייטיקע אַמבאַסאַדעס אָדער אָפיציעלע דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען צווישן סיריע און לבנון. סיריע האַלט, אַז לבנון איז אַ טייל פון סיריע. דאָס האָבן די פראַנצויזישע אימפּעריאַליסטן אָפּגעשניטן אַ טייל פונעם סירישן קערפּער און געשאַפן אַ כלומרשטע מדינה, וואָס סיריע אַנערקענט נישט.

ביי די דאָזיקע באַדינגונגען איז שווער צו גלויבן, אַז סיריע האָט בדעה גוטוויליק צוריקציען זיך פון דעם טייל לבנון, וואָס זי אָקופּירט איצט. עס אונטערליגט נישט קיין צווייפל, אַז סיריע איז מער פאַראינטערעסירט אין דעם בעקאַ־טאָל ווי אין גולן.

גלייכצייטיק מוז מען פעסטשטעלן, אַז ישראל איז נישט „גאָטס־פּאָליציי" און ס'איז נישט איר אויפגאַבע צו פאַרטרייבן די סירער פון לבנון בכדי צו פאַרזיכערן די סוווערעניטעט פון לבנון און אירע גרענעצן. דאָס איז אַן אינטער־אַראַבישער קאָנפליקט אין וועלכן ישראל טאָר זיך נישט אַריינמישן.

עס איז אָבער נישט אויסגעשלאָסן, און אפילו וואָרשיינלעך, אַז סיריע וועט מוזן צוריקציען אירע כוחות פון לבנון אונטער דעם דרוק פון אַלע אַראַבישע לענדער (אחוץ ליביע) צוליב דער אינטער־אַראַבישער ריוואַליזאַציע, וואָס וועט נישט טאָלערירן דעם „גרויס סיריע" חלום אויסצושפרייטן אירע גרענעצן.

בכדי צו פאַרמיידן דעם דאָזיקן אַראַבישן דרוק, שטרעבט סיריע צו מאָביליזירן די אַראַבישע וועלט קעגן דעם ישראל־לבנון אָפּמאַך, אַרגומענטירנדיק, אַז דאָס איז אַ פאַקטישער שלום־אָפּמאַך. גלייכצייטיק טוט סיריע אַלץ, כדי צו שאַפן אַ שפּאַנונג און אַ קריזיס־אַטמאָספער אויף דער מיליטערישער ליניע צווישן דער סירישער אַרמיי און דער ישראל־אַרמיי, לענגאויס דעם בעקאַ־טאָל און אפילו גולן.

פּאָליטישע עקספּערטן אין דער מערב־וועלט זענען איבערצייגט, אַז נישט סיריע און נישט ישראל, און אפילו נישט סאָוויעט רוסלאַנד, ווילן אַ נייע סיריש־ישראל מלחמה. אָבער אין אַ געשפּאַנטער סיטואַציע, ווען צוויי אַרמייען שטייען איינע קעגן די אַנדערע, קאָנען קליינע אינצידענטן צעפלאַקערן אַ מלחמה און אין דעם באַשטייט די געפאַר.

הינטער דער סירישער ליניע געפינען זיך פ.ל.אָ.־איינהייטן. די סירער דערלויבן קליינע פ.ל.אָ.־באַנדעס צו אינפילטרירן די ישראל־ליניע, וווּ זיי לויערן פאַרשטעקט וואַרטנדיק אויף אַן איינצלנעם אויטאָ, וועלכע זיי באַשיסן און לויפן צוריק אויף דער אַנדערער זייט. דאָס איז זייער לייכט דורכצופירן, נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז די ליניע וואָס צעשיידט די צוויי אַרמייען ציט זיך דורך אַ באַפעלקערטן שטח.

אין מער ווייניקער „נאָרמאַלע" פאַרהעלטענישן זענען די פ.ל.אָ.־איינהייטן הינטער דער סירישער ליניע נישט קיין געפאַר, ווייל סיריע צוימט די דאָזיקע איינהייטן, מורא

ווייל די פאקטן און אויספירונגען זענען „נייע", אדער נייע אנטפלעקונגען, נאר ווייל זיי קומען פון זאב שיף — דעם רעדאקטאר פאר פארטיידיקונגס ענינים פון „הארץ", די אומאפהענגיקע, און קריטישע טאג־ציטונג צו דער בעגין־רעגירונג.

איז אויך וויכטיק צו דערמאנען, אז זאב שיפס קאמענטארן אין „הארץ", אין דער צייט פון דער מלחמה, זענען אפט ציטירט געווארן אין דער נישט־יידישער פרעסע, ווייל זיי זענען געווען גאר קריטיש קעגן דער בעגין־רעגירונג.

אבער ווען ער איז איינגעלאדן געווארן צו געבן אן ערנסטע און אביעקטיווע אפשאצונג קומט ער צום אויספיר, אז עס איז געשאפן געווארן א צושטאנד וואס האט נישט מער געקאנט טאלערירט ווערן (די אינוואזיע איז געווארן א מוז־זאך).

— יא — ווערן פערעס, יוסי שריד און אנדערע זאגן — אבער נישט ווייטער ווי פינף און פערציק קילאמעטער (דער ראדיוס פון די קאטיושא ראקעטן קעגן די ישובים אין גליל).

מוז מען זיך אבער אביעקטיוו פרעגן: צי איז פון מיליטערישן שטאנדפונקט געווען מעגלעך פאר דער ישראל ארמיי אפצושטעלן זיך אויף דעם פאראלעל — פינף און פערציק קילאמעטער? אמת, די קאנאנען און קאטיושאס וואלטן מער נישט דערגרייכט די ישובים אין גליל, אבער די זעלבע קאנאנען און קאטיושעס וואלטן טאג־איין און טאג־אויס געהאגלט אויף דער ישראל ארמיי, פארשפרייטנדיק פארניכטונג, פארוויסטונג און טויט הינטער דעם 45־טן קילאמעטער פאראלעל, א צושטאנד וואס דערמאנט דאס פוילישע שפריכווארט: „דער קאזאק האט געכאפט א טאטאר, אבער דער טאטאר האלט דעם קאזאק ביים גארגל"...

נישט זייענדיק קיין מומחה אין מיליטערישע ענינים, איז אבער כדאי צו ציטירן גענעראל חיים הערצאג, א וועלט־בארימטן קאמענטאטאר, מיטגליד פון „מערך" (היינט פרעזידענט פון מדינת ישראל). ווען זיינע חברים פון „מערך" מאטי גור, יוסי שריד און פערעס און אנדערע האבן מיט לײדנשאפט און צארן צעפלאקערט א פארסמטע אטמאספער קעגן דער רעגירונג צוליב דער אויסשפרייטונג פון דער מלחמה אויסערהאלב דער 45 קילאמעטער ליניע, האט חיים הערצאג אין אן ארטיקל: „איך קאן מער נישט שווייגן", שארף געשטעמפלט די האנדלונג פון זיינע חברים. ער האט באצײכנט און פארטיידיקט די מלחמה פון יעדן שטאנדפונקט אויספירנדיק, אז סיי פון דעם צייט עלעמענט, סיי פון יעדער שטופע פון מיליטערישער אנטוויקלונג איז די אקציע געווען לעבנס־וויכטיק פאר דער מדינה.

אן דער צעשטערונג פון דער מיליטערישער פעסטונג פון פ.ל.א. אין בירות, וואלט דער מיליטערישער רוקנביין פון דער פ.ל.א. נישט געבראכן געווארן.

★

דער הסכם מיט לבנון איז געוויס וויכטיקער, ווי די בעגין־רעגירונג האט געוואלט: א פארמעלן שלום אפמאך צווישן לבנון און ישראל.

אבער לאמיר א קוק טאן אין די דראבנע אותיות פון דעם אפמאך, איידער מיר טראגן ארויס אן אורטייל וועגן דעם ווערט פון דעם הסכם. אין דעם ערשטן פאראגראף פארפליכטן זיך בײדע צדדים צו רעספעקטירן קעגנזייטיק די פאליטישע אומאפהענגיקייט, די סוווערעניטעט און די טעריטאריאלע גאנצקייט. ביידע צדדים אנערקענען די עקזיסטירנדיקע אינטערנאציאנאלע גרענעץ צווישן ישראל און לבנון וואס טאר נישט געבראכן ווערן. דער מלחמה־צושטאנד צווישן ישראל און לבנון איז פארענדיקט און עקזיסטירט נישט מער.

פאראגראף צוויי פארפליכטעט ביידע צדדים צו ליזן יעדן סכסוך אויף א פרידלעכן אופן.

גאר וויכטיק איז פאראגראף פיר, וואס זעט פאר אז די טעריטאריע פון קיין שום צד וועט נישט באנוצט ווערן אלס א באזע פאר פיינטלעכע, אדער טעראריסטישע אקטיוויטעט קעגן דעם אנדערן צד, זיין טעריטאריע אדער זיין באפעלקערונג. יעדער צד פארפליכטעט זיך נישט צו דערלויבן די עקזיסטענץ אדער ארגאניזאציע פון נישט רעגולערע כחות, באוואפנטע באנדעס, ארגאניזאציעס, באזעס, אמטן, וואס זייער ציל נעמט ארום דאס ארייַנדרינגען אדער וועלכן נישט איז אקט פון טעראריזם אויף דער טעריטאריע פונעם צווייטן צד. אלע אפמאכן און פארשטענדיקונגען ווערן דערקלערט אלס אומגילטיק, אריב מ׳וועט דערלויבן אויפהאלטן און לאזן פונקציאנירן אויף דער טעריטאריע פון איין צד פיינטלעכע עלעמענטן צום צווייטן צד.

איין אן אנדער פאראגראף פארפליכטן זיך ביידע צדדים צוריקצוהאלטן זיך פון יעדער פארם פון קעגנזייטיקער פיינטלעכער פראפאגאנדע.

לויט ווייטערע פאראגראפן ווערט געשאפן א קאמיטעט פון דריי צדדים — אמעריקע, ישראל און לבנון — באשלוסן מוזן זיין איינשטימיקע מיט דער אויפגאבע אויפצופאסן אויף דער פארווירקלעכונג פון אלע פארפליכטונגען, איינשליסלעך דאס רעגולירן די באוועגונג פון סחורות, פראדוקטן און פערזאנען, קאמוניקאציע און אזוי ווייטער...

פון די „דראבנע אותיות" איז צו זען, אז בדחקות זענען פאראן אין דעם ישראל־לבנון הסכם די „קאמפאנענטן" פון א שלום־אפמאך.

אמת, עס איז נישט פאראויסגעזען אן אויסטויש פון אמבאסאדארן אבער אנשטאט אמבאסאדעס, איז פאראויסגעזען א „פארבינדונגס־אמט" („לעיזאן אפיס") און די פארשטייער פון די צוויי מדינות אין די „פארבינדונגס־אמטן" וועלן געניסן פון פריווילעגיעס און אומבארירלעכקייט. די פריווילעגיעס ווערן נארמאל צוגעטײלט דיפלאמאטישע פארשטייער. אונטער די אויסערגעווײנלעכע אומשטענדן אין וועלכע לבנון געפינט זיך נעמענדיק אין באטראכט דעם מיליטערישן דרוק פון סיריע אויפצובלאזן א נייעם בירגער־קריג, און די געפאר פון אן עקאנאמישן באיקאט מצד די רייכע אראבישע לענדער, איז לבנון

ד״ר מ. פּערשטענדיק

# וועגן דער לבנון־מלחמה

## (אַ פּרוּוו פון אַ סך־הכּל)

אַ דערגרייכונג אָדער דורכפאַל? האָט עס זיך „יאָ געלוינט״, אָדער ס׳האָט זיך „נישט געלוינט״?

אין ישראל און חוץ לארץ דרייט זיך די דעבאַטע אַרום די דאָזיקע פראַגן.

די אָפּאָזיציע שרייט: אַ „דורכפאַל״. „עס האָט זיך נישט געלוינט״; „די קרבנות זענען געווען אומזיסט״; „די לענגסטע מלחמה, וואָס איז נישט געווען נויטיק״; „אַן אַוואַנטורע, וואָס האָט געשפּאָלטן דאָס פאָלק״ אַ „וויעטנאַם בלאָטע״, ועל כולם „איז דער הסכם מיט לבנון נישט מער ווי דער וואָפנשטילשטאַנד מיט לבנון פון 1949״ און „ערגער ווי דער פאַקטישער צושטאַנד, וואָס האָט געהערשט אויף דער ישראל־לבנון גרענעץ פאַר יוני 1982, ווייל די ראָל פון מאַיאָר האַדאַד און זיין מיליציע איז פאַרקלענערט געוואָרן״.

אין דער צעהיצטער און לײדנשאַפטלעכער דעבאַטע איז די רעגירונגס אַרגומענטאַציע מעסיק: „דער הסכם איז דאָס בעסטע, וואָס מיר האָבן געקאָנט דערגרייכן״...

בכדי צו נעמען אַן ערנסטע שטעלונג אין דער דעבאַטע נייטיקט זיך אַן אָביעקטיווער אַנאַליז פון די געשעענישן וואָס האָבן דערפירט צו דער שלום הגליל מלחמה, ווי אויך אַ זאַכלעכע אָפּשאַצונג פון דעם הסכם.

די ערנסטע דריי־מאָנאַט צייטשריפט פאַר פּאָליטישער וויסנשאַפט „פאָרעין פּאָליסי״ האָט איינגעלאַדן לאַרי ל. פאַביאַן (סעקרעטאַר פון דער קארנעגי פונדאַציע) און זאב שיף (רעדאַקטאָר פון „הארץ״ פאַר מיליטערישע און פאַרטיידיקונגס־ענינים) צוצושטעלן אויספירלעכע אָפּהאַנדלונגען, וואָס זאָלן אָפּשפּיגלען די אַנטי־ישראל און די ישראל־שטעלונג אין דעם לבנון קאָנפליקט („פאָרעין פּאָליסי״, פרילינג אויסגאַבע, 1983).

זאב שיף דערמאָנט, אַז אין יולי 1981 האָבן די ישראל ישובים אין צפון זיך געפונען אונטער שווערע באָמבאַרדירונגען פון די פּ.ל.אָ. קאַנאָנען.

נאָך לאַנגע אַרטילעריע דועלן האָט דער אַמעריקאַנער דיפּלאָמאַט פיליפּ כאַביב אויסגעהאַנדלט אַ וואָפנשטילשטאַנד מיט דער פּ.ל.אָ., וואָס האָט אין זיך געטראָגן די קערנדלעך פון דער שפּעטערדיקער לבנון־מלחמה. טראָץ דעם וואָס די פּ.ל.אָ. האָט דורך דער פאַרמיטלונג פון סאַודי־אַראַביע פאַרלאַנגט אַ וואָפנשטילשטאַנד, מוז מען אָבער צוגעבן, אַז ישראל האָט דעם אַרטילעריע דועל נישט געוווּנען. די פּ.ל.אָ. קאַנאָנען האָבן פאַרשפּרייט פאַרניכטונג און טעראָר אין די יידישע ישובים אין גליל. די ישראל־אַרטילעריע איז נישט געווען אין שטאַנד שנעל צו לאָקירן די איינצלנע קאַנאָנען מיט וועלכע די פּ.ל.אָ. האָט באָמבאַרדירט די ישובים, אַזוי אַז ישראל איז געשטאַנען פאַר צוויי ברירות: אָדער אויפבויען אַ בריייט פאַרצווייגטן בונקער סיסטעם פאַר שווערע געלטער און פאַראורטיילן די באַפעלקערונג צו אַ לעבנסשטייגער אין בונקערס אָדער צוריקשטופּן דעם שונא, דורך דעראָבערן די שטחים אין וועלכע די קאַנאָנען זענען געווען סטאַציאָנירט.

אונטער דעם דרוק פון אַמעריקע האָט דער פּרעמיערמיניסטער בעגין אָנגענומען דעם וואָפנשטילשטאַנד קעגן די וואָרענונגען פון די מיליטער־עקספּערטן, וועלכע האָבן אַרגומענטירט, אַז דער וואָפנשטילשטאַנד האָט נישט אויסדריקלעך פאַרבאָטן דער פּ.ל.אָ. אַריינצופירן מער קאַנאָנען אין די גרענעץ־שטחים. עס איז שוין דעמאָלט געווען קלאָר, אַז אויב די פּ.ל.אָ. וועט ווידער אָנהייבן באַשיסן די ישובים, וועט ישראל האָבן נאָר איין ברירה: באַזעצן דרום־לבנון און באַפרייען דעם שטח פון דער פּ.ל.אָ. אַרטילעריע.

זאב שיף שטרייכט אונטער, אַז ווען די פּ.ל.אָ. האָט אַריינגעפירט מער קאַנאָנען און די נייעסטע רוסישע קאַטיושאַ־ראַקעטן קיין דרום־לבנון, איז די מיליטערישע אָפּציע געוואָרן מער „אימפּעראַטיוו״ (ס׳מיינט: אַ צושטאַנד, וואָס טאָר נישט טאָלערירט ווערן — מ. פּ.)

די קויל, וואָס האָט געטראָפן דעם ישראל־אַמבאַסאַדאָר אין לאָנדאָן, דעם דריטן יוני 1982, איז געווען דער „פּרעטעקסט״ פאַר דעם אַריינמאַרש קיין דרום־לבנון, וואָס פאַקטיש איז שוין געווען „אין די קאַרטן״ זייט חדשים און די אַמעריקאַנער רעגירונג איז געווען וועגן דעם גענוי אינפאָרמירט. געווג צו דערמאָנען, אַז דעם 8־טן אַפּריל 1982 האָט דער נ.ב.ס.־קאָמענטאַטאָר דזשאָן טשאַנסעלאָר, באַקאַנט פון זיינע נאָענטע באַציאונגען מיט וואַשינגטאָן, מיטגעטיילט, אַז אַ ישראלדיקע מיליטערישע אָפּעראַציע אין לבנון וועט טראָגן דעם כאַראַקטער פון אַ גרעסערער מלחמה מיט צוועלף הונדערט טאַנקען, מיט 4 קאָלומנעס, וועלכע וועלן מאַרשירן ביז ביירוט, מיט אַן עווענטועלן אַטאַק קעגן ביירוט.

די פאַקטן און אויספירונגען פון זאב שיף זענען זייער אינטערעסאַנט, אין אַנבליק פון דער לײדנשאַפטלעכער דעבאַטע און אַטמאָספער היינט צו טאָג אין ישראל, נישט

---

די איינציקע גראַדליניקייט איז געבליבן דער דראַנג פון דעסטרוקציע.

כאָטש מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט מענטשן וועלכע רעדן כלומרשט אין נאָמען פון יידישער קולטור, זענען זיי אין דער אמתן ווי די פאַלשע מאַמע אין שלמה המלכס משפּט — שפּאַלטן דאָס קינד, נישט מיר און נישט דיר...

נישטאָ אין אונדזער סביבה יענע פרעמדע וואָס וואַרפן אָן די קאָלעקטיווע פאַראַנטוואָרטלעכקייט מיט כוח.

און ווייל עס פעלט זעלבסט־דיסציפּלין ווערן די אַמביציעס פון יחיד וויכטיקער ווי די נויטן פון כלל.

איז טאַקע נישטאָ קיין שענערער ציל אין לעבן, ווי:
— שאַף מיר — א מבול?...

מ. א.

# מעלבורנער בלעטער

ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע אויסגאַבע

אַדרעס פון רעדאַקציע: "KADIMAH", 7 Selwyn Street, Elsternwick, Victoria 3185, Australia

יוני־יולי 1983 | נומער 3 (37) | מעלבורן, אויסטראַליע

## קאָלעקטיווע פאַראַנטוואָרטלעכקייט — אַן אַנדער דימענסיע

דער באַגריף האָט זיך איינגעבירגערט אין אונדזער וואָקאַבולאַר, ווי אַ באַצייכענונג פאַר דער באַציאונג פון דעם אַרום, פון דער ניִשט־ייִדישער וועלט לגבי ייִדן.

די אחריות פאַר דער קאָלעקטיווער פאַראַנטוואָרטלעכקייט האָבן געשיקט אויסגענוצט די נאַציס צו צוימען די עלעמענטן אין די געטאָס, וועלכע האָבן זיך געריסן צום אַקטיוון ווידערשטאַנד. אָננעמענדיק דעם צוגאַנג פון דעם אַרום צו אונדז ייִדן, ווי אַן אומפאַרמיידלעכע באַציאונג, וועלכע מיר זענען ניִשט בכוח צו ענדערן — האָבן אַ סך פון אונדז — ווילנדיק ניִשט ווילנדיק — שלום געמאַכט מיטן גורל.

מען מוז צוגעבן, אַז עס זענען נאָך פאַראַן גענוג ייִדן, וועלכע וואַרפן אָפּ די אויפגעצוווּנגענע פאַראַנטוואָרטלעכקייט דורך שרייבן בריוו אין די צייטונגען; דורך עפנטלעך אָפּגרענעצן זיך פון מדינת ישראל און איר פּאָליטיק.

סיי די וואָס נעמען אָן דעם גורל, סיי די וואָס קעמפן מיט אים, ווייסן אָבער זייער גוט, אַז די ניִשט־ייִדישע וועלט וועט ניִשט, און וויל ניִשט אויפגעבן דעם דורך דורות אויסגעטראָטענעם וועג, וואָס איז פאַר די אויסגעפּלאָסטערט מיט פאַרטיקע פאָרמולעס; באַצייכענונגען; ריכטליניעס — אַז זיי זאָלן זיך וועלן צעשיידן מיט דעם זיכערן און אויסגעפּרוּווטן מיטל, וועלכן מען קען באַנוצן אָן שום אָנשטרענגונג מיטן פולן באַוווסטזיק, אַז ביידע צדדים אַקצעפּטירן עס.

האָט זיך אָבער ווער פאַרטראַכט, אַז אויסער דער קאָלעקטיווער פאַראַנטוואָרטלעכקייט וואָס ווערט אונדז אָנגעוואָרפן פון דרויסן, קעגן אונדזער ווילן — כאָטש מיר מוזן זיך מיט דעם אַרומטראָגן — איז פאַראַן אַ קאָלעקטיווע פאַראַנטוואָרטלעכקייט אין אונדזער ייִדישער וועלט פונעם יחיד לגבי דעם כלל?

געווען אויך — אין ניִשט ווייטן אַמאָל — יחידים, וועלכע האָבן פאַרנומען געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציעס, און זיי האָבן די פּערזענלעכע אַמביציעס געשטעלט העכער ווי די נייטן פון קאָלעקטיוו.

זיי האָבן אָן סקרופּולן געשטעלט פאַר זיך די אויפגאַבע און דעם ציל: „נאָך מיר — אַ מבול".

צום גליק האָבן זיי זיך ווייניק אַרויסגעוויזן אין אידעאַליסטישן קאָלעקטיוו, וועלכער האָט געהאַט די טיפסטע איבערצייגונג, אַז דער חוב פון יחיד איז זיך מקריב צו זיין פאַרן וווּל פון כלל.

זינט יענעם ווייטן אַ מאָל איז אונדזער ייִדישע געזעלשאַפט געוואָרן היפּש איינגעשרומפּן, און אין דער דאָזיקער איינגעשרומפּנקייט איז אונדזער ייִדיש־וועלטלעכער שפּליטער דער סאַמע אָנזעעוודיקסטער...

אין אָט דעם קוים־זשיפּענדיקן ציבור סטאַרטשען די דאָזיקע יחידים אַרויס ווי שפּיציקע סוקעס פון אַ בוים.

באַנוצנדיק זיך מיט זייערע דערוואָרבענע פּאָזיציעס אין געזעלשאַפטלעכן לעבן (צוליב זייערע פעיִקייטן, אָדער אַמביציעס; אָדער אונדזער גלייכגילטיקייט) פּרוּוון זיי אונטערמינירן דאָס, וואָס אונדז איז נאָך געבליבן, ווייל דאָס פּאַסט זיך ניִשט צונויף מיט זייער געדאַנקענגאַנג — האָבן זיי פאַר זיך אַ פאַרטיקע פאָרמולע: „נאָך מיר — אַ מבול!"

פּרוּוון די דאָזיקע טוער איבערצייגן אין זיינע דעסטרוקטיווער באַציאונג צו אינסטיטוציעס, וועלכע דער קאָלעקטיוו האָט מיט מי און אָנשטרענגונג אויפגעבויט, ווייל ער האָט זיך אין זיי געניטיקט, איז פּונקט ווי פּרוּוון איבערצייגן קריסטן, אַז עס איז ניִשטאָ אַזאַ זאַך, ווי דער ייִדישער „קאַהאַל", און במילא קען ניִשט קיין ייִד זיך פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן צווייטן.

פאַרבלענדט צוליב ניִשט באַפרידיקטע אַמביציעס, פּרוּווט מען צעשטערן דאָס לעצטע ביסל געזעלשאַפטלעכן אויפטו וואָס איז נאָך פאַרבליבן, כדי צו טריאומפירן אויף — אַ בית עולם.

זעען ניִשט די דאָזיקע „העלדישע הוזאָרן" אַז זיי קעמפן מיט שאָטנס וואָס זענען איבערגעבליבן פון זייער אייגענעם גלאָררייכן נעכטן?

וואַרשיינלעך אַז אין זייער פאַרבלענדקייט זעען זיי עס ניִשט: וואַרשיינלעך איז אויך אַז צעשטערן איז לייכטער ווי בויען.

נקמה־דורשט איז געוואָרן דער סם וואָס נערט זייער געוויסן און סטימולירט זייערע רעגונגען. במילא איז אַטראָפירט געוואָרן יעדעס געפיל פון פּאָזיטיוון טראַכטן און

# Goldy's

COFFEE LOUNGE AND RESTAURANT
CONTINENTAL MEALS SERVED

**212 LITTLE COLLINS STREET, MELBOURNE, 3000**
**(opposite Victoria Hotel)**

For bookings phone: **63-1034**

Props.
**Mr. & Mrs. A. GOLDBERG** אייגנטימער: צעשיאַ און אברהם גאָלדבערג

# *S. ERLICH Pty. Ltd.*

Importers — Manufacturers — Distributors of

## *FOOTWEAR*

**563 Victoria Street, Abbotsford, Vic. 3067**

**Telephone: 42-0758**

ISSN 0155-0128

# מעלבורנער בלעטער

## אינהאלט:

מ. א. — קאַלעקטיווע פאַראַנטוואָרטלעכקייט — אַן אַנדער דימענסיע . . . . . . . . . . . . . 1
ד"ר מ. פערשטענדיק — וועגן דער לבנון־מלחמה . . . . . . . . . 2
הערשל באַכראַך — די אַטאָם־באָמבע האָט מיך געראַטעוועט . . . . . 5
י. קאַפּע — עס האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ מוראַשקע . . . . . . 8
מגר בן־ציון פעלדשוה — ווען זענען נויטיק היטלערס טאָג־ביכער? . . . . 10
י. מ. לעווין — דודס נסיון (פּאָעמע) . . . . . . . . . . . . 12

שרייבער און ביכער:

יוסי גמזו — אויסצייכענונג פאַר אַ יידישן פּאָעט . . . . . . . 12
וו. יאַבלאָנסקי — עליזאַ רייס . . . . . . . . . . . . . 14

ביכער־רעצענזיעס:

מ. אייזענבוד — אַ פּאָרטרעט מיט ווייסע פלעקן ... . . . . . . . . 15
אָט גייט אַ מענטש ... . . . . . . . . . . . . 17
ל. אָלשינאַ — בלומען פון פּוילישן אַנטיסעמיטיזם . . . . . . . . 18
נ. אַרטענשטיין — די קאַטאַקאָמבן אויף גענשע גאַס . . . . . . . . 19
מ. אייזענבוד — יוגנט־טעאַטער דערגרייכט דעם זעניט . . . . . . 21
בעריל האַלינבורג — אַנאַ פראַנק (פּאָעמע); יידיש: ד. אַ. . . . . . . . . . 22
ש. בענעט — לאָקאַלע קאָמענטאַרן . . . . . . . . . . . 23

פּרייז פון נומער $1.50

אַרויסגעגעבן דורך דער „קדימה" אין מעלבורן, אויסטראַליע

מעלבורן נר. 3 [37] יוני־יולי 1983